„CZENSTOCHOWER CAJTUNG". • פרייז 20 גראָשן.

טשענסטאָכאָווער צייטונג

[illegible]
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.
[illegible]

טשענסטאָכאָווער — אַלעע 6. — טעלעפאָן 201

Piątek 30 lipca 1937 | ליכט-צינדען 7.11 | פרייטאג פ׳ עקב י״ב אב תרצ״ז

Unieważnia się
weksle z wystawienia B. Hoffmana, Częstochowa, St. Rynek 31 na zlecenie Meryn, Sosnowiec, płatne 10.XI zł. 300 oraz 2.XI — 2 weksle po zł. 100.

צאָהן-אַריצט **א. פּרץ**
נייער מאַרק 4
האָט זיך צוריקגעקעהרט
און נעמט אָן אין די אויפנאַהם-שעה׳ן.

CZĘSTOCHOWSKA
FABRYKA MYDŁA
I. M. DZIUBAS i S-ka
ul. Fabryczna 1—3.
עגזיסטירט העכער 60 יאָהר.
אונזער זייף איז אַלעמען בעוואוסט מיט
איהר גוטער קוואַליטעט.
פּרובירט נאָר איין מאָל —
בענוצט אונזער זייף
און איהר בלייבט אונזער שטענדיגער קונה.
אונזער מאַרקע איז דאס „פישעל".
עס ווערען געזוכט פערטרעטער אויף
וויעלון און ראַדאָמסק.

---

2 kotły parowe z armaturą
do sprzedania.
Informacyj udziela: Towarzystwo Kredytowe Miasta Częstochowy, Śląska 8

אויספערקויף פון אַלער-ליי שטיינערנע טעפּ
אויף קאָנפיטורען.
אַלעע 4, צווייטער טויער.

Plac z budynkiem fabrycznym
okolica Kościuszki
do sprzedania.
Wiadomość u dozorcy, Al. Kościuszki 16.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2.
צום פריהלינג-סעזאָן
מיר נעמען אָן צו וואשען **קראַגענס** מיט לאנג - דויערענדע שפּיגעל-גלאַנץ ווי אויך **העמדער** צו הייניגען און צו פאַרבען אַלערהאַנד קליידונג. גארדינען צו וואשען און צו שפּאַנען.
ספּעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס
2) דעטאַשירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וואשען).
אַכטונג: פלעקען ווערען אַרויסגענומען אויפ׳ן אָרט
אַלץ צובילליגע פּרייזען.

קופּאָן
צו בעקומען א הנחה - אַבאָנאַמענט
פון זשורנאַל „דאס קינד"
נאמען און פאַמיליע ______________
שטאָדט ______________
גאַס און נר. הויז ______________

אויפפאָדערונג.

אַלע אינהאַבער פון שטעדט אין דער היגער שוהל סיי אין דער מענער-שוהל סיי אין דער פרויען-שוהל דאַרפען ביז׳ן 30 שערפּיען ד. י. רעגיסטרירען אין דער גמינע קאַנצעלאַריע אויף באַריטש גאַס נר. 10, זייער אייגענטום רעכט אויף די בעטרעפענדע שטעדט.

דאס אָנמעלדען אייגענטום רעכט אויף די שטערט מוז זיך שטיצען אויף ענטשפּרעכענדע דאָקומענטען.

נאָכ׳ן אויבענדערמאנטען טערמין וועלען די נישט-רעגיסטרירטע שטעדט אנערקענט ווערען אַלס אייגענטום פון דער יודישער גמינע, אָהן רעקלאַמאַציע-רעכט.

די ביוראָ-שעה׳ן אין דער גמינע-קאַנצעלאַריע זענען פון 10 א זייגער פריה ביז 1 נאָכמיטאג.

די יודישע גמינע-פערוואַלטונג פון וויעלון.

יוט עש״ק עקב תרצ״ז.

Erdal pasta do obuwia
dobrodziejstwem dla obuwia czarnego i kolorowego
Jej tajemnica: użyć jak najmniej pasty Erdal, ale polerować miękkim suknem, aż do lśniącego połysku.

SPROSTOWANIE.
W kondolencji dla Rodziny Krauze z powodu zgonu b. p. Samuela Szyffa, podpis winien brzmieć: **Bracia Praszkiewicz.**

Z powodu śmierci
b. p. ADAMA WOLBERGA
wyrażają stroskanej RODZINIE szczere współczucie i żal
KENIGHAJTOWIE
RAPAPORTOWIE
RODZINA KLAJNER

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער מיטגליעד
ה׳ ישראל שומאכער
צוליעב׳ן טויט פון זיין מיטער, אונזער לאַנגיעהריגע מיטגלידערין
חנה פריידל שומאַכער נ״ע
המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
די גבאים, קאָמיטעט און מתפללים
פון דער שוהל „אהל יעקב" אַלעע 4.

Panu B. WOŹNICA
z powodu zgonu
b. p. **Żony Jego**
składają wyrazy szczerego żalu i współczucia
I. Altmanowie.

אונזער פערוואַלטונגס-מיטגליד
ה׳ בייניש וואָזשניצא
צוליב׳ן טויט פון זיין פרוי
שרה בלימה נ״ע
דריקען מיר אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
די פערוואַלטונג
פון „תומכי עניים"

מזל-טוב און פיעל נחת ווינשען מיר אונזער בעל-קורא ה׳ **בנימין טשאַרנע** און פרוי צו די תנאים פון זייער טאָכטער פרל. **שרה** מיט ה׳ **יעקב יהודה הערשליקאָוויטש**
די פערוואַלטונג פון דער שוהל „אהל יעקב"
אַלעע 4.

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזערע פריינד ר׳ **בנימין טשאַרנע** און **פרוי** צו דער תנאים פון זייער טאָכטער פרל. **שרה** מיט ה׳ **יעקב יהודה הערשליקאָוויטש** זאָלט איהר האבען פון זיי פיעל נחת.
ב. באָטשאַן און פרוי

מיין חשוב׳ען שכן ה׳ **הירצקע מאַנדעל** און **פרוי** צו דער חתונה פון זייער ל. טאָכטער פרל. **העלאַ** מיט ה׳ **אברהם וואַרשאַווסקי** פון וויעלון, ווינש איך א הערצליכען מזל-טוב און זאָלען זיי די זכיה האבען צו דער-לעבען א סך נחת.
ברוך הויזשפיגעל און פרוי

צו דער חתונה פון אונזער פריינדין
פרל. **רוזשאַ גאָטיינער** מיט ה׳ **הענריק גוטיינער**
ווינשען מיר פיעל גליק און אייביגע צופרידענהייט
מ. סנאָפּקאָווסקי, י. זשעזשאָק

צו דער חתונה פון אונזער פריינד **אברהם וואַרשאַווסקי** וויעלון מיט פרל. **העלאַ מאַנדעל** טשענסטאָכאָו, ווינשען מיר פיעל גליק דעם יונגען פּאָר, די עלטערן פיעל נחת.
פנחס גערשאָנאָוויטש און פרוי, אברהם גערשאָנאָוויטש וויעלון.

אונזער פריינד
אברהם וואַרשאַווסקי צו זיין חתונה מיט פרל. **הענדעל מאַנדעל**
טשענסטאָכאָו ווינשט פיעל גליק און אייביגע צופרידענהייט.
צבי ראָזענבלאַט און פאַמיליע וויעלון.

את נשיא-המועצה **יעקב שאַיאַ** למות עליו אחותו
רודה קושעפיצקה נ״ע
מביע השתתפות בצער
השלטון והמועצה של הקהלה העברית
בוילון.

לראש שלטון של הבנק **יעקב שאיאַ** לרגלי מות אחותו
רודה קושעפיצקה ז״ל
רגשי השתתפות בצער מביעים
השלטון והמועצה של הבנק קרדיטובי בוילון.

די פאַמיליעס **קושעפּיצקי** און **שאַיאַ** צוליעב׳ן טויט פון זייער מוטער און שוועסטער
רודה קושפּיצקה ז״ל
דריקען אויס מיטגעפיהל
אליעזר בערקאָוויטש און פאַמ.

די ברידער קושעפּיצקי און די ברידער שאַיאַ צוליעב׳ן טויט פון דער עהרענווירדיגער
רודאַ קושעפיצקאַ ז״ל
דריקען אויס מיטגעפיהל
הירשל וואָלמאַן און פרוי
פייוויש סקזשינֿיא און פרוי

מיר בעטייליגען זיך אין צער פון די ברידער קושעפּיצקי און ברידער שאיא צוליב׳ן טויט פון זייער מוטער און שוועסטער
רודה ז״ל
משה פערעצאָוויטש און פרוי,
יחיאל מאיר יאַקובאָוויטש און פרוי.

הננו משתתפים בצער של חברנו יעקב ויוסף שאיא ושל האחים קושעפּיצקי לרגלי מות עליהם אחותם ואמם
רודה קושפּיצקה ז״ל
אשר מענדלעוויטש ורעיתו,
מרדכי זיידלר ורעיתו

אויך מיר דריקען אויס מיטגעפיהל אונזערע פעטערס די ברידער שאיא, די טאַנטעס היידא, קורלאנד און פייפער, ווי אויך די קוזינס קושעפּיצקי,
יעקב אנקלעוויטש און פרוי.

די געעהרטע ברידער יעקב און יוסף שאַיאַ צוליעב׳ן גרויסען פערלוסט פון זייער עהרווירדיגער שוועסטער
רודה קרושעפּיצקאַ ז״ל
דריק איך אויס מיטגעפיהל. איהר זאָלט מעהר נישט וויסען פון קיין צער.
פייטל כמורא.

אונזער קוזין און קוזינקע אברהם קושעפּיצקי און פרוי צוליעב׳ן טויט פון זייער מוטער און שוויגער
רודאַ ז״ל
דריקען מיר אויס מיטגעפיהל.
איהר זאָלט שוין בעהיט ווערען פאַר צער
הירשל קרימאָלאָווסקי און פרוי

אונזערע פריינד, די ברידער שאיא און די ברידער קושעפּיצקי צום פערלוסט פון זייער שוועסטער און מוטער
רודה ז״ל
אויסדרוקען פון מיטגעפיהל
משה קאַניארסקי און פרוי,
יודל רינג און פרוי.

די ברידער שאַיאַ און די ברידער קושעפּיצקי צוליעב׳ן פערלוסט פון זייער שוועסטער און מוטער
רודאַ ז״ל
מיטגעפיהל אין זייער צער דריקען אויס:
איכל לאַנדוי און פרוי
פנחס גערשאָנאָוויטש און פרוי

Panu B. WOŹNICA
z powodu zgonu Żony Jego
b. p. SURY BLIMY
składają wyrazy głębokiego współczucia
A. Wajsbard, P. Wojdzisławski i S. Wygodzki.

מען קאָן נישט אַריבערגעהן צום טאָג־אָרדנונג

מען דערצעהלט, אַז יענע וואָך איז א יוד ארויס אויפ'ן פעלד, נעבען דער יאַסקראָווסקא גאַס, וואו ער איז פער־חלש'ט געוואָרען, און איידער דער דאָקטאָר איז געקומען איז דער יוד אויסגעגאנגען.

אַלע סימנים ווייזען, אַז דער יוד, וועלכער איז נאָך געווען אין די מי־טעלע יאָהרען, איז פשוט געשטאָרבען אויס הונגער.

אין די היינטיגע צייטען איז עס קלאָר צו פערשטעהן, עס איז אַ פשוטע געשיכטע: אַ יוד האָט געהאַנדעלט, שפּעטער ווען ס'איז נישט מעגליך גע־ווען צו האַנדלען, האָט ער געזוכט אַר־בייט און נישט געפונען, האָט מען אָנגעהויבען הונגערן און דערווייל האָט מען דעם גוף דערנעהרט מיט די ברעקלעך פון יענעמ'ס טיש. אין בעס־טען פאַל, האָט מען זיך בעגניגענט מיט'ן פּעקיל פון „תומכי־עניים", וועל־כעס האָט געדאַרפט סטייען פאַר א גאַנצע פאַמיליע. איז במילא דער קער־פּער איינציגווייז אָבגעשוואַכט געוואָ־רען ביז איינמאָל, ווען ער האָט זיך געפיהלט הונגעריג און שוואַך און קיין ברויט איז נישט געווען, איז ער ארויס אויפ'ן פעלד מיינענדיג, אַז די לופט וועט איהם פערטרעטען דאָס עסען. די לופט, הפּגים, האָט איהם נאָך מעהר צורייצט דעם אַפּעטיט און נישט קאָנענדיג זעטען זיין אָבגעשוואַכטען גוף, איז ער פער־חלש'ט געוואָרען און געשטאָרבען.

דאָס וואָס מיר האָבען דאָ אויף אַ פרימיטיווען אופן געשילדערט איז נישט קיין פאַנטאַזיע, נאָר אַ לעבעדי־גער פאַקט. מיר קאָנען אָנרופען דעם נאָמען און אָנגעבען דעם אַדרעס, וואו דער שרעקליכער פאַרפאַל איז פאָרגע־קומען.

דאָס איז אָבער נישט קיין איינציגער פאַל, אַזעלכעס טרעפט זעהר אָפט. מענשען, וועלכע שמאַכטען פאַר הונ־גער געהען איינציגווייז אויס, אַזוי, אַז קיין האָהן גיט נישט קיין קרעה.

צי קאָנען מיר בלייבען גלייכגילטיג צו אַזעלכע ערשיינונגען? אַמאָל, ערשט נישט לאַנג, ווען די יודישע געזעלשאַפט געוואויר ווערענדיג, אַז אין אַ יודישע שטוב הערשט הונגער, האָט מען איינגעריסען ווענט, מען איז געלאָפען פון שטוב צו שטוב, און מען האָט געבראָנגט, וואָס ס'האָט זיך געלאָזט אָבי צו דערהאַלטען ביים לע־בען יודישע נפשות. היינט אָבער ווערט מען צו אַזעלכע פּאַסירונגען גלייכגיל־טיג און מען געהט דעריבער איבער צום טאָג־אָרדנונג.

צי דאַרף דאָס אָבער אַזוי זיין? צי וועט די יודישע געזעלשאַפט, וועלכע טראָגט אויף זיך דעם אַלטען שטעמ־פּעל פון רחמנים בני רחמנים זיך רו־היג צוקוקען צו דעם אַלעם, וואָס ס'קומט פאָר אויף דער יודישער גאַס און שווייגען? מיר ווילען נישט איצט אַנווייזען די סיבות וואָס פיהרען צו אַזעלכע פאַטאַלע געשעהענישען און די מיטלען, וואָס קאָנען אויסמיידען אַזעלכע פאָלגען, ווי: דאָס בעשעפטיגען וואָס מעהר יודישע אַרבייטער אין די יודישע פאַבריקען, בעשעפטיגען יודישע בעלי־מלאכות אַזוו. אַזוו. מיר ווילען נאָר אין היינטיגען אַרטיקעל דערמאָנען וועגען דעם פאַקט, אַז אין די היינ־טיגע צייטען טרעפען פאַלען וואו יו־דען שטאַרבען פשוט פאַר הונגער און קיינעם גיט עס נישט קיין טרייסעל אויף, עס ווערט נישט קיין יללה, אַז די וועגט זאָלען ציטערן. רוהיג, שטיל, אַזוי ווי עס וואָלט גאָר נישט געשעהן געהט יעדער צו זיין בעשעפ־טיגונג צו זיין אַרבייט. ניין, רבותי! אַזוי קאָן עס ווייטער נישט פערבליי־בען. מיר קאָנען זיך נישט ווי קאַלטע מערדער צוקוקען ווי אייגענע ברידער געהן אויס אין אונזערע אויגען! עס מוז אָנגעהויבען ווערען אַנ'אַקציע אויפ'ן ברייטען מאַסשטאַב, אַז אַזעל־כעס זאָל זיך נישט קאָנען ווידערהאָ־לען. מיר טאָרען נישט איבערגעהן אי־בער אַזעלכע פראַגען צום טאָג אָר־דנונג!

ש.

די זומער־אַקציע פון „טאָז".

די הייַיאָהריגע אַקציע פון זומער־קאָלאָניעס און האַלב־קאָלאָניעס פון דער טשענסטאָכאָווער אָבטיילונג פון „טאָז" איז פשוט אימפּאָנירענד.

די שווערע לאַגע פון דער יודישער בעפעלקערונג אין די שטעדטלעך פון טשענסטאָכאָווער פּאָוויאַט האָט געצווינ־גען די היגע אָבטיילונג פון „טאָז" צו אָרגאַניזירען די אַרבייט אויך אויפ'ן פּאָוויאַט. נאָכ'ן פערענדיגען די דער־נעהרונגס־אַקציע זענען געעפענט געוואָ־רען קאָלאָניעס און האַלב־קאָלאָניעס. פאַר קינדער פון טשענסטאָכאָוו 2 סע־זאָנען פון קאָלאָניעס אין בלאַכאָווניע פאַר 350 קינדער און 1 סעזאָן פון דער האַלב־קאָלאָניע אין גאָרטען פון פרעזעס ראָזענבערג פאַר 150 קינדער.

פאַר די קינדער פון פּאָוויאַט: האַלב־קאָלאָניעס אין קלאָבוצק פאַר 130 קינ־דער, אין קושעפּיץ — פאַר 160 קינדער, אין טרוסקאָלאַס — פאַר 60 קינדער, אין פּושירוב — פאַר 100 קינדער, אין אָמ־סטוב — פאַר 65 קינדער, אין יאַנאָוו — פאַר 30 קינדער, אין אָלשטין — פאַר 40 קינדער, אין מיעדזשנאַ — פאַר 30 קינדער.

קאָלאָניעס: אין אָלשטין — פאַר 30 קינדער פון קאַמיק, אין טרוסקאָלאַס — פאַר 10 קינדער פון פּאַנקי און 30 פון פּושיסטאָין.

בסך־הכל זענען אָרגאַניזירט געוואָרען קאָלאָניעס און האַלב־קאָלאָניעס אין 12 פּונקטען, וואו ס'זענען פערהאַן 1200 קינדער.

די אויסהאַלטונג פון די קאָלאָניעס פאַר די דאָזיגע קינדער איז פערבינדען מיט גרויסע קאָסטען, וועלכע שטייגען ווייט אַריבער די פאָנדען פון „טאָז".

ס'איז דעריבער דער חוב פון יעדען צו אונטערשטיצען דער געזעלשאַפט „טאָז" און איהר אַרויסצוהעלפען ביים רעאַליזירען די דאָזיגע וויכטיגע אַקציע.

מיליאָנען־תביעה

פון די געליטענע בעת דער טאָרפּעדאָ־קאַטאַסטראָפע.

צום קרייז געריכט אין וואַרשא זענען איינגעפלאָסען תביעות אויף גרויסע געלד־סומען פון די געליטענע בעת דער קאַטאַסטראָפע מיט'ן לוקס טאָרפּעדאָ אין רודניק, אין מערץ ה. י. בעת דער דאָ־זיגער קאַטאַסטראָפע זענען — ווי בע־וואוסט — פיעל פּאַסאַזשירען שווער פערוואונדעט געוואָרען.

איינער פון די געליטענע, א געווי־סער שפּיראָ האָט דאַמאָלס צובראָכען עטליכע זשעבערעס, וועלכע זענען זיך מעהר נישט צונויפגעוואַקסען, נור אָנ־געריהרט די לונגען, צוליב וואָס די זשעבערעס זענען נאָכאַמאָל אָדורכגע־בראָכען געוואָרען. שפּיראָ מאָהנט ביי דער באַהן־דירעקציע ענטשעדיגונג אין דער הויך פון 100.000 זל.

דער וואַרשאווער אַדוואָקאַט פּראָווניאַ האָט צום פּראָצעס בייגעלעגט פּאַפּירען, וועלכע ער האָט בעת דער קאַטאַסטראָ־פע געפיהרט מיט זיך און וועלכע זע־נען אָדורכגעזאַפּט מיט בענזין. אַדוו. פּראָווניאַ מאָהנט 150 טויזענד זלאָטעס ענטשעדיגונג.

ס'זענען אויך איינגעפלאָסען אנדערע תביעות, צווישען וועלכע ס'ווערען אויך דערמאַנט די נעמען פון די טשענסטאָ־כאָווער געליטענע בעת דער קאַטאַ־סטראָפע: דר. אַלעקסאַנדער וואָלבערג, וועלכער איז נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג אויף קוראַציע אין ווינן, דיר. פּרושיצ־קי א. א.

די טערמינען פון די דאָזיגע פּראָצע־סען וועלען ערשט בעשטימט ווערען אין די נאָהנטסטע טעג.

דער שטרייק אין אַלטמאַנ'ס פאַבריק דויערט.

די לעצטע קאָנפערענץ אין אַרבייטס־אינספעקטאַראַט האָט פּאַרלויפיג נישט געבראַכט צו קיין ליקווידאַציע פון קאָנפליקט אין דער ליזשוועס־און ראָ־ווערען־טיילען פאַבריק פון אַלטמאַן, וואו ס'קומט פאָר זייט עטליכע טעג אַנ'־אָקופּאַציע־שטרייק. די פאַבריקס דירעק־ציע האָט צוגעזאָגט צו געבען די אַר־בייטער אַ הוספה פון 5 פּראָצענט, וואָס די אַרבייטער־דעלעגאַטען האָבען אָנער־קענט פאַר נישט גענוגענד און בעשלאָ־סען ווייטער צו שטרייקען.

לטובת די געליטענע אין טשענ־סטאָכאָוו.

ווי מיר ווערען געוואויר, וועלען די סוחרים און פאַבריקאַנטען־באַנק און די באַנק ספּולדזיעלטשי צוטרעטען די קוי־מענדע וואָך צו רעאַליזירען דאָס ער־טיילען לאַנג טערמיניגע הלוואות אויף פּראָדוקטיווע צוועקען, פאַר די יעניגע געליטענע פון די לעצטע געשעהענישען אין טשענסטאָכאָוו, וועלכע קוואַליפיצי־רען זיך נישט צום בעקומען אונטער־שטיצונגען און הלוואות פון עקזיסטי־רענדען הילפס־קאָמיטעט ביי דער יודי־שער קהלה.

דאָס געניסען פון טשעק־אומזאַץ אין פּ. ק. אָ. ברענגט פיעל נוצען.

אַלס בולטסטער בעווייז פון די צאָהלרייכע בעקוועהמליכקייטען, וואָס זענען פערבונדען מיט'ן בעזיצען א טשעק קאָנטאָ אין פּ. ק. אָ., קען דינען דער אונאויפהערליכער, בעדייטענדער וואוקס פון טשעק אומזאַץ אין פּ.ק.אָ.

אין ערשטען האַלב־יאָהר 1937 נעמט ארום דער טשעק אומזאַץ 24.756.824 אָפּעראַציעס אויף אַנ'אַלגעמיינער סומע פון 15.074.000.000 זלאָטעס. אין פער־גלייך מיט'ן טשעק אומזאַץ פאַר דעם זעלבען פּעריאָד פון 1936 איז די צאָהל אָפּעראַציעס געשטיגען מיט 2 מיליאָן און די אַלגעמיינע סומע מיט 1.727 מיליאָן ד.ה. מיט קרוב 13 פּראָצ.

העכער 30 מיליאַרד זלאָטעס פון יעהרליכען טשעק־אומזאַץ זענען בלי־ספק, אַנ'אונבעשרייטבאַרער בעווייז פון דויערהאַפטען און אַלץ וואַקסענדען צוטרוי צו דער פּ.ק.אָ.

אַלץ מעהר פּראַקטישע מענשען גיבען זיך אָב א דין וחשבון פון דער נויט־ווענדיגקייט פון בעזיצען א טשעק־קאָנטאָ אין פּ. ק. אָ. און פון אַלע בע־קוועהמליכקייטען און נוצענס, וואָס זענען מיט דעם פערבונדען. וויפיעל צייט און איבעריגע מאַניפּולאַציעס קען מען זיך אַזוי אַרום פערשפּאָרען! מיט דעם ערקלערט זיך אויך דער כסדר'־דיגער וואוקס פון דער צאָהל קאָנטאָ'ס און פון דעם טשעק אומזאַץ פון פּ.ק.אָ.

קליינגקייטען

עס איז דאָך פאָרט אַ צער בעלי־חיים...

איך האָב שוין דערצעהלט וועגן דעם צער, וואָס די טשענסטאָכובקער יודען טהוען אָן דעם ברושעניצער שניידער ה' מ. ל., נישט צולאָזענדיג איהם צום ברעטיל, ווי אויך דאָס, וואָס זיי גיבען איהם נישט די פעטע עליות, צו וועלכע ער בענקט מיט א געוואַלדיגער גליסטונג. איצט ווידער וויל איך אייך דערצעהלען וועגן דעם אונגעהויערן עגמת נפש, וואָס די טשענסטאָכובקער יודען האָבען פער־שאַפט דעם ברושעניצער החונה פה ק"ק טשענסטאָכובקע פערגאַנגענעם שבת נחמו.

פערהאַנען מענשען, וועלכע שטרע־בען צו מאַכען א גרויס פערמעגען, זייער גאַנצער מהות איז נאָר פערנומען צו זאַמלען אַ גראָשען צו אַ גראָשען. פערהאַנען ווידער מענשען, וועלכע זוכען כבוד. זיי וועלען אוועקגעבען דעם לעצטען גראָשען, אבי דעם כבוד צו דערגרייכען. אמת, איך קאָן א סך מענשען, וועלכע האָבען צוליעב כלל־טהוערי זייער געלד פערלוירען און געבליבען אָרימעלייט, דאָס איז אָבער ביי זיי גאָרנישט. דער עיקר איז, אַז זיי האָבען דערגרייכט דאָס זייעריגע — זיי זענען געוואָרען כלל־טהוער. אונזער פערשוין ווידער, וועגן וועלכען ס'איז די רייד, האָט א שטאַרקע גליסטונג צום ברעטיל און צו בעקומען בכבודיגע עליות. פאַר צולאָזען איהם צום עמוד, וואָלט ער אוועקגעגעבען מי יודע וויפיעל (ווען ער וואָלט נור געהאַט). אויך האָט ער א שטאַרקע הנאה ווען ער בעקומט א פעטע עליה, ווי למשל: שלישי, ששי אָדער גאָר מפטיר. זענען אָבער די טשענסטאָכובקער יודען גרויסע להכעיס'ניקעס, זיי קאָנען נישט פערגי־נען דעם יודען דאָס פערגעניגען. פער־קעהרט, וואָס מעהר יענער וויל, אַלץ מעהר ווילען זיי איהם נישט געבען.

ווי לאַנג איז אָבער דער שיעור, דער רוהיגסטער מענש קאָן דאָך שונאי ישראל פּלאַצען.

אַ גאַנץ יאָהר האָט אונזער בושעניצער געשוויגען און געליטען, אריינגע־כאַפּט אַמאָל אַנ'עליה א מאָנטאָג אָדער דאָנערשטאָג און גאָרנישט. אַזוי זענען אויך אַדורך די דריי וואָכען און די ניין טעג, ביז ס'איז ענדליך אָנגעקו־מען שבת נחמו. דאָ — טראַכט זיך אונזער חבר — וועט מען זיך אָננעמען פאַר דער גאַנצער צייט. אָט וועט ער אָבדאַווענען אַ שחרית'ל און אריינכאַ־פּען אַנ'עליה'לע. איז ער טאַקי געקו־מען צום דאַווענען מיט דער פולער האָפענונג, אַז זיין חלום וועט ענדליך מקוים ווערען. די טשענסטאָכובקער חברה־לייט האָבען אָבער דערקנסט, אַז אונזער שניידער האָט אַפּעטיט צום עמוד און צו אַנ'עליה, האָבען זיי דוקא צוגעשטעלט צום ברעטיל אַ צווייטען און אויך קיין עליה האָבען זיי איהם נישט געגעבען, נאָר צום סוף האָבען זיי איהם מכבד געווען (אָה, מיין גאָט!) מיט הגבה. נו, איז דען א וואונדער, אַז פאַר גרויס כעס און גרימצאָרן האָט ער דאָס ספר שיעור אַראָבגעלאָזט? קאָן מען דען איהם נעמען פאַר אומ־גוט, וואָס נאָכ'ן דאַווענען האָט דער זעלבער בע'עולה'טער געגעבען אַ קלאַפּ אין שולחן און געלייענט די תוכחה אויף די גבאימ'ס קעפּ? צי איז דען אַנ'עולה, וואָס נאָכ'ן דאַווענען איז דעם ה' ל—ס זוהן אָנגעפאַלען אויפ'ן גבאי'ס איידעם און איהם מכבד מיט אַזאַ עליה, אַז דאָס לינקע אויער איז איהם שיעור אָבגעריסען געוואָרען? איי דאָס וואָס אין טשענסטאָכובקע האָט זיך געמאַכט א סומאַטאָכע און די קריסטען האָבען געלאַכט אין די פויסטען, אַז די זשידעס שלאָגען זיך אַליין, איז גאָרנישט, דאָס איז נאַריש. פאַקטיש אָבער איז אונזער בושעניצער שניידער גע־רעכט, ווארום וויפיעל איז דער שיעור צו ליידען און שווייגען. עס איז דאָך באמת א צער בעל חיים...

שנוראָוואַדלעס...

כאָטש מען בעקומט דאָס פאַר עטלי־כע געצעהלטע גראָשענס, איז עס אָבער אַ גרויסע פּראָדוקציע, וואָס מען גיט אויס דערויף שווערע כוויזענדער. עס זענען פערהאַנען גרויסע פאַבריקען און סוחרים מאַכען גרויסע „אָבראָטען", אַזוי, אַז ווען איהר וועט קויפען אַ שנוראָוואַדלע צו אייערע שיך זאָלט איהר זי נישט לייכטשעצען און איהר אָבגעבען דעם געהעריגען כבוד...

אָבער נישט וועגען די חשיבות פון דער שנוראָוואַדלע געהט עס איצט. עס האַנדעלט זיך וועגען דער פּרנסה וואָס א געוויסע יודישע פאַמיליע האָט גע־האַט פון האַנדלען מיט שנוראָוואַדלעס מכמה וכמה שנים און עס דראָהט איהר אָט די פּרנסה צו פערלירען.

פערהאַנען אין טשענסטאָכאָוו א יו־דישע פאַבריק פון שנוראָוואַדלעס. קומט פאַר צווישען די אייגענטימער פון דער פאַבריק מיט'ן הויפּט אָפנעמער א סכסוך וועגען די פּרייזען. נעמט דער יודישער פאַבריקאַנט צו הילף עטליכע נישט־יודישע אויפקויפער און גיט זיי אַנ'אָנזאָג צו פערקויפען אין איינצעל שנוראָוואַדלעס אונטער'ן פּרייז, אָבי צו פערקאָנקורירען דעם יודען און דערמיט איז מען גורם, אַז די יודישע פאַמיליע, וועלכע בעשטעהט פון יתו־מים און האָבען זיך מפרנס געווען דערפון א סך יאָהרען זאָלען דאַרפען ליידען פון הונגער.

איך וויל נישט איצט אויסשעפּען דאָס אַלץ, וואָס די זעלבע שנוראָוואַד־לע סוחרים האָבען מיר דערצעהלט, ווייל איך וויל נישט פערשאַרפען דעם ענין. עס שאַדט אָבער נישט ביי דער געלעגענהייט אויפמערקזאַם צו מאַכען דעם יודישען פאַבריקאַנט פון די שנו־ראָוואַדלעס, אַז ער זאָל זיין מעטאָדע פון אונטערשיקען און אויפשטעלען נישט־געוויסענהאַפטע קאָנקורענטען, כדי אַראָבצוציאָגען פון מאַרק אַנ'אַלטען ערליכען יודישען סוחר, וועלכער האָט זיך ס'גאַנצע לעבען מפרנס געווען פון שנוראָוואַדלעס...

דעם דריטען „גאָל" האָבען זיי דאָ געקלאַפּט..

די וואָך זונטאג האָט די פוטבאָל־דרוזשינע פון דער היגער „בריגאַדע" געשפּיעלט א מעטש אין קראָקא, היות ווי ס'איז גראָד געווען א פּאָפּולערער צוג האָבען זיך ביי דער געלעגענהייט אויך מיטגעכאַפּט אַביסעל טשענסטאָ־כאָווער, צווישען זיי אויך יודישע יונגע לייט אָנהענגער פון פוטבאָל־ספּאָרט. הקיצור, דער מעטש איז פאָרגעקומען און אונזערע, ד. ה. די בריגאַדע האָט נעוואונען: זיי האָבען געקלאַפּט 2 „גאָלען" און געכאַפּט נור איין גאָל.

די שמחה איז דעריבער געווען אין לשער. מען האָט זיך פשוט געקושט פאַר פריידע און נישט די בלויז אַריער, נאָר אפילו די נישט־אַריער האָבען געהאַט א גדולה, פאָרט לאָקאַלע פּאַט־ריאָטען און מיט דער דאָזיגער שמחה זענען זיי אַהיימגעפאָהרען. אויפ'ן וועג האָט מען ווי ס'פיהרט זיך ביי לייטען גענומען אַביסעל בראָנפען. ס'זאָגט זיך נאָר אַזוי אַביסעל, ווארום, בראָנפען־טרינקער האָבען א טבע, אַז קוים נע־מען זיי נאָר ס'ערשטע ביסעל מאַכט עס אַפּעטיט אויף נאָך אַביסעל און אַזוי געהט עס שוין כסדר ביז מען פערגעסט ווי מען האַלט אין דער וועלט. ויהי, כטוב, אַזוי ווי ס'איז זיי שוין א דאַנק דעם ביטערען טראָפּען געווען פרעהליך אויפ'ן האַרצען האָ־בען זיי זיך דערמאַנט אין מעטש פון קראָקא. און עטליכע פּאַטריאָטען, וועל־כע האָבען געהאַלטען, אַז דער נצחון פון 2 „גאָלען" איז צו ווייניג האָבען זיי געקלאַפּט א דריטען גאָל נאָר נישט אין געגנער'ס טויער נאָר אין יודישע קעפּ, וועלכע זענען מיטגעפאָהרען מיט'ן זעלבען צוג.

אויף אַזאַ אופ'ן האָבען די ספּאָרט־שפּיעלער פון דער „בריגאַדע" געקלאַפּט אין קראָקאָ 2 גאָלען און זייערע פּאַט־ריאָטען האָבען אויף דער באַהן, אויף יודישע קעפּ געקלאַפּט דעם דריטען גאָל...

זיי האָבען זיך דערוואָרט...

די גאַנצע צייט האָט מען אויפמערק־זאַם געמאַכט די היגע חברה־קדושא, וועלכע צייכענט זיך אויס מכמה שנים אַלס איינע פון די אַנשטענדיגסטע חשובי־העיר, אַז עס פּאַסט נישט, דאָס אין איהרע רייהען זאָל זיך געפונען אַזאַ חברה מאַן ווי אברהם גאַנזווא, וועלכער פערשאַפט נישט קיין כבוד מיט זיינע מעשים דער חברה, און מיר האָבען זיי געראָטען, אַז זיי זאָלען איהם בעזייטיגען, כדי להסיר מכשול. זיי האָבען אָבער אונז נישט געפאָלגט און א'צט איז געקומען דער מאָמענט, ווען די היגע חברה־קדישא וועט האָ־בען עגמת נפש דערפאַר ווייל זי האָט זיך נישט צוגעהערט צו אונזער עצה.

ווי בעוואוסט, פיהרט ה' א. גאַנזווא א פּראָצעס געגען דער חברה־קדישא דערפאַר, ווייל זי האָט דערלויבט צו פערטיילען אין איהר לאָקאַל יעדען שבת ברויט און חלות פאַר דער היגער יודישער אָרימקייט. עטליכע מאָל איז דער פּראָצעס פאָרגעקומען און ענדליך האָט ה' גאַנזווא אַרויסבעקומען אַנ'־עקסמיסיע אויף דער חברה־קדישא. אמת, ס'וועט נאָך פאָרקומען אַנ'אַפּעל־לאַציע און נישט אַזוי לייכט וועט אָנ־קומען דעם ה' גאַנזווא צו וואַרפען די חברה קדישא ס'געניגט אָבער דער בלויזער פאַקט, וואָס ה' גאַנזווא האָט, טראָץ אַלע בעמיהונגען מצד פערשידענע איינפלוסרייכע פּערזענליכקייטען פון אונזער שטאָדט זיך צוריקציהען פון פּראָצעס האָט עס אַלץ נישט געהאָלפען.

איצט הענגט איבער דער חברה קדושא, וועלכע וואוינט ביים ה' גאַנ־זווא עטליכע צוואַנציג יאָהר—אַנעק־סמיסיע. און די חברה־קדושא האָט אין איהרע רייהען, א מענש, וועלכער איז עלול צו אַזאַ נבלה.

זיי האָבען נישט געוואָלט איהם בע־זייטיגען. וועט ער איצט זיי בעזיי־טיגען.

זיי האָבען זיך דערוואָרט...

סמאל

חורבן און גאולה

פון לעאָ קעניג

עתידה א"י שתתפשט בכל... ארץ ישראל.

חורבן און גאולה צי גאולה און חורבן?—דאס איז דוכט זיך דער תמצית, דער לייט מאָטיוו פון דער שווערער פּראָבלעמאַטישער ווירקליכקייט און וועלכער מיר געפינען זיך אצינד צוליב דער געפּלאַנטער צעברעקלונג פון פּאַלעסטינא און דער מיניאַטור „יודישער מלוכה"...

די „יודישע מלוכה" וואס די קעניגליכע קאָמיסיע שלאָגט אונז—און דער וועלט—אצינד פאָר, שמעקט איינגענטליך מעהר מיט חורבן, ווי מיט גאולה... די געפּלאַנטע יודישע מלוכה איז דער חורבן פון נאַציאָנאַלען אידעאַל. עס האט עקזיסטירט ביי א גרויסען טייל פונ'ם יודישען פאָלק א ארץ-ישראל של מעלה, א היסטאָרישע ארץ-ישראל, און ביידע האבען געהאט א געאָגראַפישע גאַנצקייט מיט בעשטימטע היסטאָרישע גרעניצען.

מיט צוויי טויזענד יאהר צוריק זענען לאַנד און פאָלק צוריסען און צושיידט געוואָרען. דאס לאַנד איז וויסט און חרוב געוואָרען, אריבער און פרעמדע הענד. אָבער גאַנץ איז ארץ-ישראל געווען און דער פערגאַנגענהייט, דער גלות האט גע'חלומ'ט—און פאַר דעם לעצטען האַלבען יאהרהונדערט שווער געאַרבייט—פאַר א אידעאַל פון א גאַנצער ארץ-ישראל און דער צוקונפט...

זעהען מיר איצט דעם חורבן פון א אידעאַל? ווערט אצינד דאס היסטאָרישע און אידעאַלע ארץ ישראל פון דאַסניי בעזיגט און חרוב?

ווען א שונא פאַלט אָן אויף א לאַנד און בעזיגט עס. צעברעקעלט ער עס אפשר נישט אזוי ווי עס טהוט איצט אונזער פריינד—די מאַנדאַטען-מאַכט אונטער'ן פעלקער-בונד.

צי גרויס-בריטאַניען האט איצט נישט געקאָנט געפינען קיין בעסערען, פּראַקטישערען און אידעאַלערען אויסוועג פון דעם שווערען פּראָבלעם, און ווי מיר זאָלען נישט וועלען מודה זיין אויף איהר „גוטען ווילען" צום יודישען פאָלק—זעהען מיר דאָך אצינד די צעברעקלונג און... דעם חורבן פון א אידעאַל. ווייל וואס איז שווערער, טראַגישער, דער פּאָזיטיווער און הייליגער—א גאַנצער אידעאַל און א נישט-פערווירקליכטער, איידער א בעזיגטער אידעאַל, א פערשוועכטער, א צעברעקלטער און א בעליידיגטער?

איך שטעל זיך פאָר א סך טויזענדער ציוניסטען און יודען ווילען איצט בעסער לעבען און חלומ'ען און א גאַנצער א"י של מעלה איידער און א צעברעקעלטער „פערווירקליכטער" ארץ-ישראל של מטה; בעסער, וועלען זיי אפשר זאָגען, צו לעבען און לייד'ען און גלות מיט א אידעאַל פון א גאַנצער א"י לעתיד לבוא, איידער צו לעבען און א ווינקעלדיגער יודישער מלוכה און א"י—און א אידעאַל וואס איז חרוב און פערשוועכט געוואָרען. חורבן און גאולה.

ווי ביטער לאַכט פון נאַציאָנאַלען יודענטום :י געשיכטע, די מאַטעריאַליסטישע רעאַל-פּאָליטישע ווירקליכקייט: א פאָלק גיסט זיך איצט אָב מיט בלוטיגע טרעהרען, א פאָלק שכיב מרע, א פאָלק וואס ווערט געצוואונגען אָפט ביייזווילינג און אייגענוציג זיך צו בעטראַכטען אלס א בעזונדער פאָלק, אלס א נאַציע גיסט זיך איצט אָב מיט בלוטיגע טרעהרען—דערלאַנגט מען עס איצט א בלישטשענדע צאַצקע—א יודישע מלוכה—צו שפּילען זיך און אפשר אויך פערשפּילען זיך...

פוילען, דייטשלאַנד, רומעניען... מיליאָנען יודען ווערען געטריבען, ווערען מיט געוואַלד פערברעכעריש—געגען זיי, געגען זיך און געגען דער גאַנצער מענשהייט—אויסגעוואָרצעלט, און מען דערלאַנגט זיי איצט א שעהנע בלישטשענדע צאַצקע, א „יודישע מלוכה" צו פערשפּילען זיך.

ווי ביטער איראָניש איז דער שיקזאַל—דער שפּילענדיגער באַלאַנס פון רעאַל-פּאָליטישע כוחות—צום יודישען פאָלק!

עפּיס ווי דאס אלטע פאָלק ישראל וואָלט געווען א קינד און שמערצען, און מען וואָלט עס איצט געוואָלט אייבערבעטען און פערשפּילען מיט א בלישטשענדער צאַצקע.

א יודישער מלוכה —

און ס'איז קיין וואונדער נישט פונדעסטוועגען וואס טרעהרען, יודישע טרעהרען בלישטשען דאָך אָב איצט מיט קראַנקער פרייד... דאס אַלט יונג פאָלק איז דאָך פון שטענדיג אָן געווען א בריה צו לאַכען מיט טרעהרען, און טרויערען און פרייד.

א יודישע מלוכה—אפשר איז עס דאָך עפּיס? איז נישט יעדע פערווירקליכונג—און אפילו די בעסטע—פון יעדען אידעאַל און תוך גענומען דער אָנפאַנג פון חורבן פון דעם זעלבען אידעאַל? — פילאָזאָפירט אצינד דאס אלטע פאָלק פּרובענדיג נעמען און די ציטערדיגע—פאַר פרייד און שרעק—הענד די בלישטשענדיגע צאַצקע: די יודישע מלוכה.

מיר זעהען אצינד די לעבעדיגע עדות פון א בעזיגטען און פערשוועכטען אידעאַל פון א נייעם אפשר חורבן און דער פאָרם פון א גאולה.

אָבער דערמיט איז אונזער פּראָבלעם נאָך נישט אויסגעשעפּט; ביז איצט האבען מיר בעהאַנדעלט נאָר איין זייט פון פּראָבלעם: ווייל פונקט ווי ס'איז פערהאַן חורבן און גאולה, זענען אפשר אויך פערהאַן קערנער פון גאולה און א חורבן...

ווייל אויב ס'איז אמת, אז יעדע פערווירקליכונג פון א אידעאַל איז א אָנפאַנג פונ'ם חורבן פון דעם זעלבען אידעאַל, איז אפשר נאָך מעהר אמת, אז און יעדען חורבן און מיט יעדען חורבן ווערט געבוירען א נייער אידעאַל: נייע שעפערישע כוחות און ענערגיעס ווערען געבוירען און דעם רויך פון חורבות... דאס איז דער אייביגער געזעץ פון דער נאַטור און דעם לעבען פון פעלקער און יחידים.

און די גרויסע הארבע פראַגע אצינד איז: וועט דאס נייע פּאַלעסטינער יודענטום, די ציוניסטישע בעוועגונג, געפינען די שעפערישע, פּראָדוקטיווע און שטאַטסמענערישע ענערגיעס כדי צו פערוואַנדלען אָט דעם שוואַכען, בעליידיגענדען „אָנפאַנג" און א וויג?

ס'איז אַמאָל געווען א יודישער גלויבען און וועלט אנשויאונג קען מען זאָגען, אז „ארץ-ישראל וועט און דער צוקונפט פערשפּרייט ווערען איבער אלע לענדער".

דאס נאַציאָנאַל-ציוניסטישע יודענטום דאַרף איצט א נייעם גלויבען: „עתידה א"י שתתפשט בכל... ארץ-ישראל".

און וועלען זיך געפינען די כוחות, דעם גלויבען און דעם „נייעם אידעאַל" צו פערווירקליכען?

נייע „פרנסה געביטען" פאַר דייטשע יודען

(א בריף פון בערלין)

פאַר א דייטשען יוד פלעגט נישט זיין קיין גרעסערע בעליידיגונג, ווען זיינער א „גלויבענס-גענאָסע" פלעגט איהם אָנרופען „שמש" אָדער „משרת". דאס איז געווען פאַר איהם א זידעלוואָרט.

ווארום, וואס קאָן „געזעלשאַפטליך" נידעריגער זיין פאַר א שמש אָדער משרת?

איז ווער האט זיך געקאָנט ריכטען, אז די דאָזיגע, ביי דייטשע יודען פאַר אומווירדיג געהאַלטענע מענשען, שמש און משרת, זאָלען מיט אַמאָל דערהויבען ווערען און פערנעמען א בכבוד'יגען פּלאַץ צווישען די „גלויבענס גענאָסען"? ווער האט זיך געקאָנט ריכטען, אז שמש און משרת זאָל אויפהערען צו זיין א זידעלוואָרט און זאָל אנשטאַט דעם פערוואַנדעלט ווערען און א וויכטיגען בירגערליכען בערוף?

דאס האט געקאָנט געשעהן נאָר איצט,—ווען די יודען ווערען ביסלעכווייז ארויסגעשטופּט אויך פון יענע ווירטשאַפטס-צווייגען, צו וועלכע זיי האבען נאָך ביז איצט געהאט מעהר-ווייניגער א דריסת הרגל.

פון טאָג צו טאָג נערגרעסערט זיך די צאָהל פרנסה'לאָזע דייטשע יודען. וואס זאָלען זיי א שטייגער אָנהויבען צו טהון? קיין נייע פרנסות קענען זיי זיך נישט דערשלאָגען. מען לאָזט זיי איינפאַך נישט צו. די אריער זענען בילכער און ירש'ענען די יודען לעבעדיגערהייט. אויסוואַנדערן איז נישטא וואו און עס איז נישטאָ מיט וואס, מוז מען זיצען און געהאקטע צרות און מיט פערלייגטע הענד אויפ'ן אָרט.

ווי לאַנג אָבער קען מען אזוי זיצען גאָר נישט טוענדיג?

גישט ווילענדיגערהייט הויבט מען אָן מקנא צו זיין דעם „גלויבענס-גענאָסע", וואס האט נאָך עפּעס א שטיקעל בעשעפטיגונג. ס'איז נישט וויכטיג וואס פאַר א בעשעפטיגונג דאס איז, דער עיקר איז אז מען איז בעשעפטיגט.

זענען נישט ווייניג פרנסה'לאָזע דייטשע יודען מקנא יענע „גלויבענס-גענאָסען", וועלכע זענען אָנגעשטעלט אלס שמש'ים.

ווער האט עס פריהער געהאט אויסגעטראַכט, אז דאס איז א „מלאכה בזויה"?

קיין שענערע בעשעפטיגונג דאַרף מען גאָר נישט האבען! בעת דער „דינסט-צייט" געהט מען זיך אנגעטהון און א בעזונדערער קליידונג, שפּאַצירענדיג אַהין און צוריק צווישען די רייהען מתפללים און אכטונג געבענדיג, נישט צו מען זיצט און מ'דאַווענט. נאָר צו מען זיצט „פערשריפטסמעסיג", לויט די פאָרגעשריבענע כללים. נישט דער עולם האט צו זאָגען דעם שמש, נאָר פערקעהרט. פונקט ווי אַהן דעם חזן, אזוי קאָן מען זיך אָהן איהם נישט בעגיין. פונקט ווי אלע איבריגע „כלי-קודש", איז אויך ער, דער שמש, א געמיינדע-בעאַמטער. אפשר בעקומט ער נישט אזוי פיעל בעצאָהלט פאַר זיין „דינסט-טעטיגקייט", אָבער ער איז פאָרט א בעאַמטער, יעדענפאַלס האט ער א שטעלע און איז נישט קיין ליידיג געהער. פאַר אזעלכען מוז מען האבען רעספּעקט!

איצט, ווען ס'ווערט נאָר פריי די שטעלע פון א שמש, וועלען קיין בעלנים דערויף נישט פעהלען. עס וועלען זיך מעלדען אומצעהליגע קאַנדידאַטען.

ווער אָבער פון זיי וועט זיין דער גליקליכער, וואס וועט זוכה זיין צו ווערען א שמש? נישט קיין חרפה, נאָר א כבוד וועט עס זיין! א חוץ דעם קען מען ביי שמשות אויך פערדינען עפּעס, איז ווי ווערט מען טאַקע א שמש?

אויב „שמש" איז א לעבענס-פּראָבלעם מעהר פאַר'ן עלטערן דור, איז „משרת" אַנ'עקזיסטענץ-פראַגע בלויז און אויסשליסליך פאַר דער יוגענד.

דען וואס זאָל היינט א יודישער יונגערמאַן טהון און דייטשלאַנד? אויב דער אָדער יענער האט אפילו אויסגעלערנט זיך אַ געוויסען פאַך, איז נאָך א פראַגע, צי וועט ער האבען די מעגליכקייט זיך דערמיט צו בעשעפטיגען. דאס רעכט אויף ארבייט האט דאָך נאָר א ריינער אַריער.

ווען א יודישער יונגערמאַן געפינט א פּלאַץ צו ארבייטען, מוז ער איהם

אין גן-עדן התחתון...

אַ שטיקעל הקדמה.

מיינס אַ גיטער פריינד פלעגט אין אַ געשפּרעך דערצעהלען פאָלגענדען עפּיזאָד: אַ סך מאָל טרעפט זיך, אַז ער זעהט נישט א לענגערע צייט אין גאס מענשען, וועלכע ער פלעגט בעגעגענען זעהר אָפט. ערשט ווען ער קומט אויפ'ן בית-עולם ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי זענען שוין געשטאָרבען און דאָ אויפ'ן בית עולם געפונען זיי זייער רוה.

אויך ביי מיר האט געטראָפען אזא עהנליכע געשיכטע. מיט אַ קורצער צייט צוריק זענען מיר עפּיס אָוועקגעקומען אַ רייה מענשען פון שטאָדט און ערשט ווען איך האָב געמאַכט א בעזוך אין א רייה דאָטשע-ערטער, האָב איך זיי דאָרט געפונען רוהען, בשלום על משכבם, נאָר נישט אזוי ווי אויפ'ן בית עולם, וואו מען ליגט ווי א באַרג און מען קאָן זיך נישט ריהרען, נאָר מיינע „בר-מיננס" לעבען א וועלט. צי די געשטאָרבענע, וועלכע ליגען אויפ'ן בית עולם און די קברים זענען און גן עדן העליון ווייס איך נישט, דערפאַר ווייס איך אָבער, אַז מיינע „טויטע" פערברענגען און דעם אמת'ן גן עדן-התחתון.

דער גערער רבי פאָהרט קיין מאַרינבאַד.

דער צופאַל האט געוואָלט, אַז מיט'ן זעלבען צוג, מיט וועלכען איך בין געפאָהרען פון ווארשא קיין ביעלסק, איז אויך געפאָהרען דער גערער רבי קיין מאַריענבאַד.

אויפ'ן ווארשאווער וואקזאַל זענען געווען איבער הונדערט חסידים, וועלכע זענען געשטאַנען ביי א וואַגאָן 2 טער קלאַס און געוואַרט אויף שלום-נעמען. דער רבי האט זיך אָבער נישט בעוויזען אין פענסטער און די חסידים האבען זיך בעגנוגענט מיט שטעהן און קוקען אויפן וואגאָן, מיט וועלכען דער רבי פאָהרט. איין חסיד האט מיר דערצעהלט, אַז דעם רבינ'ס אוועקפאָהרען איז פאָרגעקומען בסוד, אין געגעפּאַל וואָלטען געווען אויפ'ן וואָקזאַל עטליכע טויזענד חסידים.

דער גאַנצער וואגאָן מיט וועלכען דער רבי איז געפאָהרען, איז געווען פערנומען דורך חסידים, וועלכע האבען בעגלייט דעם רבי'ן ביז קאָלושקי און אויך די נאָחנסטע, וועלכע האבען דעם רבי'ן בעגלייט נאָך ווייטער.

אויף די סטאַציעס, ווען דער צוג שטעלט זיך אָב, זענען געקומען צו לויפען די חסידים נעמען שלום, נאָר דער רבי – ווי איך האָב אויבען דערצעהלט – האט זיך אין פענסטער נישט בעוויזען. דערביי איז כדאי אויפמערקזאַם צו מאַכען, אז אויף מאַנכע סטאַציעס האט דאס צוזאַמענגעלויף פון די חסידים געמאַכט א שוידערליכען איינדרוק. מאַנכע חסידים זענען געקומען צו לויפען מיט אויפגעשאַרצטע פּאָלעס, אויסגעדרעהטע הימלען און געלאָפּען זענען זיי ווילד אזוי, ווי מען זעהט עס ביי די ווילדע מענשען אויפ'ן לייוענט פון אַ קינאָ און דער ארומיגער קריסטליכער עולם האלט דערפון אין איין לאַכען און שפּאָטען, אַזוי, אז ביי אלע יודען, וועלכע זענען געפאָהרען מיט דער זעלבער באַהן און צוגעקוקט די ווילדע סצענעס, איז דאס בלוט געגליוועט געוואָרען אין די אָדערען, זאָגאַר חסידישע יודען, וועלכע זענען געפאָהרען מיט דער זעלבער באַהן און צוגעקוקט די דאָזיגע אויסטערלישע סצענעס, ווי אזוי מען שטופּט זיך איינער אויפ'ן אַנדערען און מען שרייט מיט בענומענע קולות און די קריסטען לאַכען. — האבען אויסגערופען, אז דאס איז אַ חילול השם. און פאַקטיש איז עס אזוי געווען. ביי מיין גאַנצע בעציהונג און אכטונג, וואס איך האָב צו חסידים, וועלכע האבען צו זייער רבי'ן אַ קולט, מוז אָבער אויפ'ן שאַרפסטען אופן געטאַדעלט ווערען אַזאַ מין אָרט ווילדקייט, איבערהויפט און דער איצטיגער אויסטערלישער צייט.

ביסטרא.

צוויי סטאַציעס נאָך ביעלסק געפונט זיך דאס אַבּרוהה אָרט ביסטרא, וועלכעס איז, אזוי ווי אלע שטעדטלעך און די בעסקידען, אַרומגעדינגעלט מיט בערג.

די לופט איז דאָרט אַ טרוקענע און געזונטע. אין ביסטרע געפונען זיך אין סעזאָן אַנ'ערך 4000 מענשען. פערהאַנען דאָרט צענדליגער פּענסיאָנאַטען, צווישען וועלכע עס צייכענט זיך אויס דע"ר יודישער פּענסיאָנאַט פון פרוי פרענקעל מיט זיין קאָמפאָרט און הערליכער איינריכטונג. אין דעם דאָזיגען פּענסיאָנאַט געפונען זיך מאָקי בעלבתישע מענשען, וועלכע קומען קיין ביסטרע זיך אָברוהען און צרהאָלען און וועלכע האבען נישט אין זינען, דאס, וואס עס איז, ליידער, דער מנהג פון די דאַטשע-פאָהרער... און נישט נאָר בלויז ביי פרענקלען אין פּענסיאָנאַט, נאָר איבערהויפּט איז אין ביסטרע זעהר רוהיג, כאָטש עס איז פערהאַנען אַ באַסיין צום באַדען, אַ פּלאַזשע און אלע איבריגע מעלות טובות, מיט וואס אלע מקומות זענען געבענשט.

אין ביסטרע געפונט זיך אויף אָברוהה דער זשאַריקער רבי טווערסקי און צום טיש קומען אריין חסידים. בכלל זעהט מען אין ביסטרע אַ סך גאַליציאַנער, ווי אויך ביעלסקער און די דייטשע שפּראַך פערנעמט דאָרט דעם אויבען אָן... אויך טשענסטאָכאָוו איז דאָרט שטאַרק פערטרעטען און אויפ'ן דעפּאָט בעגעגענט מען זיי זעהר אָפט.

שטשירק.

אין געגענזאַץ צו ביסטרע איז שטשירק שוין צו טומעלדיג. דאָרט איז פערהאַנען אַ סך יוגענד, וועלכע לאָזט פון זיך שטאַרק הערען. די געגענד איז הערליך. און אויך דאָרט זענען פערהאַן טשענסטאָכאָווער. טרעפענדיג אַ בן-עיר האט ער זיך פאָר מיר בעקלאָגט, אַז דער אַפּעטיט איז אין שטשירק א סך גרעסער ווי די פּאָרציעס, וואס מען גיט איהם אין פּענסיאָנאַט פאַר זיינע 6 זלאָטעס אַ טאָג.

פּענסיאָנאַטען זענען אין שטשירק פערהאַנען אַ סך. און מערקווירדיג, אַ סך קריסטליכע ווילעס און זאָגאַר פּענסיאָנאַטען, ווערען אויפ'ן זומער-סעזאָן אָבגעדינגען דורך יודישע אונטערנעמער, וועלכע אָרדנען איין כשר'ע פּענסיאָנאַטען פאַר די יודישע געסט.

מיט יודישקייט איז מען אין די אויבענדערמאַנטע ערטער נישט אזוי שטאַרק אָפּגעהיטען. אַזוי, למשל, טרעפט זעהר אָפט, אַז די מענער, וועלכע קומען צו פאָהרען צו זייערע פרויען מאַכען אַ שטאָך אין שבת. און נישט בלויז א שטאָך נאָר מען שעמט זיך טאַקי נישט צו קומען אום שבת גופא און דאס בפני כל עם ועדה. מיינט נישט, אז כ'מיין אין דעם פאַל די יוגענד, איך האָב אין זינען יודען מיט בערד, וועלכע געהן אָן פאַר רעליגיע. אָט דערצעהלט מען פאָלגענדען פאַקט: קיין ביסטרע איז שבת נאָכמיטאָג געקומען צו פאָהרען אַ פאָטער מיט אַ זוהן פון סאָסנאָוויץ, איז ווי באַלד זיי זענען געקומען, האט זיך דער זוהן, וועלכער איז מסתמא א יתום, באַלד אָנגעפּרעגט וואו מען קאָן געהן קדיש זאָגען.

אָרום די פּענסיאָנאַטען שוויבעלט און גריבעלט פון בעטלער, זיי שנאָרען אָבער נישט גלאַט אַזוי, נאָר זיי גיבען עפּיס פאָר די פאָר גראָשען. אזוי, למשל, געהט אָרום אַנ'אַלטער לאָמער פויער מיט אַ האַרמאָניע און א פויק. געהט ער פון וויללע צו וויללע און שטעלט אָן די כלים. דער עולם וויל דאָך איהם פטור ווערען, גיבען זיי איהם א פאָר גראָשען און פערטיג. אַ צווייטער שנאָרער איז אַ יוד פון ביעלסק, וועלכער געהט ארום אין האַנד מיט אַ פּוילישער צייטונג, וואו ס'איז אונטערגעצייכענט א שטיקעל נאָטיץ. אין דער נאָטיץ לעזט זיך, אַז הינטער ביעלסק איז א ראָווער ארויפגעפאָהרען אויף אַ געוויסען צימבערמאַן און איהם פערוואונדעט א פּיס. דערצעהלט דער דאָזיגער יוד, אַז ער איז דאס דער פערוואונדעטער צימבערמאַן, לכן, בעט ער, אַז מען זאָל איהם שטיצען. טאָמער וויל עמיצער איהם געבען אַ פּאָר גראָשען, וויל ער נישט אַנדערש, נאָר אַז מען זאָל צוערשט אַדורכלעזען די צייטונג...

איך האָב דעם דאָזיגען „קינסטלער" דערקענט, ווייל מיט 2 יאָהר צוריק, ווען איך בין געווען אין די בעסקידען האָב איך איהם אויך געטראָפען, נאָר דאַמאָלס האט ער געהאַנדעלט מיט אַנ'אַנדער שטיקעל פחזרה, וואס איז בעשטאַנען פון א שרפה פון וועלכער

גלייך אָבטרעטען פאַר אַנ'אַנדערען, פאַר'ן רייגעם אַריער, וואס איז דער אייגענטליכער „פאָלקס-גענאָסע". פאַר דעם יוד ווערען אַלע ארבייטס-טויערען פערשפאַרט.

די גאנצע „באַרופס-אומשיכטונג", וואס די יודישע יוגענד אין דייטשלאַנד מאכט דורך, איז מעהר פאַר אויסלאנד גוּעגען, ד. ה. אין פאַל, ווען מען וועט האבען אויסגעוואַנדערט ערגעץ-וואו.

וואס זאָל אָבער אין דער צווישענצייט טהון אזא יונגערמאַן, וואס איז שוין אַנ'„אומגעשיכטעטער", נאָר צוליב'ן מאַנגעל אין א וויזע האַלט ער נאָך נישט ביים אויסוואַנדערען? סיידען ער זאָל אַנקומען צו דער „צדקה גדולה". נאָר א שנאָרער וויל ער פאַר קיין שום פאַל נישט זיין.

טאָ וואָס פאַר אַנ'אויסוועג איז דא פאַר איהם?

דער אויסוועג איז, אז דער יונגערמאַן ווערט א משרת, א הויז-דינער.

קיין חרפה איז עס נישט פאַר איהם. ער זאָל נאָר געפינען א שטעלע אין א לייטיש יודיש הויז, איז אדרבא!

אויף יודישע הויז-דינער איז פערהאַן לעצטענס מעהר וועניגער א נאָכפראַגע. די נאָכפראַגע פאָדערט זיך פון יודישען צד. ביידע צדדים אַלזאָ „גלויבענס גענאָסען".

דאס איז א דאַנק די נירענבערגער געזעצען", וואס האבען פעריאָגט פון די יודישע הייזער אַלע אַרישע דינסט-מיידלעך, וועלכע זענען יונגער פון 45 יאהר. אין דעם פרט איז עס געוואָרען נישט „יודען-ריין" נאָר טאַקע „אַריערינס ריין"...

וואס זאָל אָבער פאַרט טהון א יודישע בעל-הבית'טע, וואס איז נישט אומשטאַנד אליין פערטיג צו ווערען מיט איהר בעל-הבית'קייט און נויטיגט זיך אין הילפס-קראַפט?

האט מען אַלזאָ געמוזט אַנקומען צו א יודיש דינסט-מיידעל.

עס איז אפילו שווער זיך צוצוגעוואוינען צו א נייעם סאָרט „שפחה", אָבער די בעלי-הבית'טעס האבען פון זייערע פריהערדיגע געוואוינהייטען צו ביסלעך נאָכגעגעבען, אזוי, אז די צרה איז געווען די, וואס דער אָנבאָט איז געווען נישט דער ערך קלענער ווי די נאָכפראַגע.

נישט פאַר יעדער יודישער טאָכטער איז געווען לייכט דער איבערגאנג פון א בעל-הביתיש מיידעל צו א דינסט-מיידעל... אזוי צו אזוי. עס איז געווען א גאנצע רייהע סיבות, וואס האבען נישט דערלאָזט אַנ'„איבערפלוס" אין יודישע דינסט-מיידלעך.

געפינענדיג זיך אין נישט קיין געהויבענער לאַגע, האבען זיך די נאָך פערמעגליכע יודישע בעל-הבית'טעס געכאַפּט: אפשר וואָלט געווען א סברה אז מען זאָל פרובען נעמען פאַר דער בעל-הבית'קייט א יודישען הויז-דינער? —און מען מוז זאגען: ביי די מעהרסטע איז דער פרוב געלונגען. ערשטענס איז פערהאַן אַנ'ענטשפּרעכענדיגער אָנבאָט. צווייטענס, די בעל-הבית'ישע יונגעלייט, וואס זענען געוואָרען יורדים, האבען זיך לייכטער און גיכער „איבערגעבעטען" מיט זייער כבוד. זיי נעמען נישט אזוי טראַגיש, וואס זיי זענען געוואָרען משרתים, זיי בעטראַכטען די ארבייט זייערע אלס א זאַך.

אויף אזא אופן איז געשאַפען געוואָרען א נייער „ארבייטס-געביט" פאַר הונדערטער, זאָגאָר טויזענדער יודישע יונגעלייט אין דייטשלאַנד, וואס זענען ארויסגעשטויסען געוואָרען פון די מעהרסטע ווירטשאַפטס-פּאָזיציעס.

ח. ד—ש

פאַרבערײַ און כעמישע וועשערײַ
„BENETA"
ב. יאַסעלעוויטשאַ 11
(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאַפעלושארניע)

קראַגענס ווערען געוואַשען מיט דויערהאַפטען שפיגעל-גלאַנץ.

ספעציאַליטעט:

1) אויפפרישען (פאַרבען) לעדערנע קורטקעס,
2) פאַרבען לויט מוסטערן,
3) דעטאַשירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט),
4) כעמיש ריניגען און פאַסאָנירען קאַפעלושן.

יוסף שאיא, ווילנע

חכמים, הזהרו בדבריכם

נו, וואס זאגסטו צו דעם? יאָ, אָדער ניין? פרובירט מען יאָ מסכים צו זיין צי נישט? — אזעלכע און ענהליכע פראַגען הערט מען כסדר, אז דאס האַנדעלט זיך וועגען דעם צוטיילונגס-פּלאַן פון ארץ-ישראל—דאס פערשטעהט מען שוין פון זיך זעלבסט.

און עס איז מערקווירדיג. וואס ווייטער עמיץ שטעהט פון ציוניזם, וואס מעהר אימפּאָנירט איהם דער מלוכה-אנגעבאָט און ער איז דערפאַר ענטציקט. „עס איז קליין אָבער מיין. אייגענע מיניסטאָרען, פּרעזידענטען, גענעראַלען—אטו מלתא זוטרתא הוא!" דאגעגען די ציוניסטען—איז אין לשער. עס טהוט זיי וועה און ס'שמערצט זיי די זאַך—אזוי ווי מען וואָלט געשניטען לעבעדיגע אברים. וואס איינעם איז מעהר א שאַד עפּעס אַנדערש. איינעם דער נגב—גוואַלד און געשריגען, ווי הייסט מען וועט אַוועקגעבען דעם נגב?! דאס איז דאָך דער סאַמע וויכטיגסטער קאָלאָניזאַציאָנס פונקט פאַר נייע עולים, די גרויסע שטחים אַרום חברון באר שבע און עזה. און ווי נאָך! דאס שניידט דאָך אונז איינגאַנצען אָב פון אקאבה-דריי-עק, וועלכער גרעניצט זיך מיט מצרים און וועלכער בלייבט ווייטער אונטער דער מאַנדאַטאַר מאַכט עס האט א געוואַלדיגע עקספּאַנסיע און סטראַטעגישען תשיבות. ווי קען מען אויף דעם פערציכטען?!

א צווייטער שטעלט זיך אָב אויף דער רוטענבערג-עלעקטריפיקאַציע-קאָנצעסיע, און אויף דער נאוואָמינסקי ים-המלח-קאָנצעסיע—ווי קען מען אזעלכע אונגעהויער ווערטפולע עקאָנאָמישע און ווירטשאַפטליכע פּאָזיציעס איבערלאָזען ביי די אַראַבער?

א דריטער שטעלט זיך אָב אויף ירושלים. ווי הייסט עפּעס ארץ-ישראל אָהן ירושלים—אָהן דעם הארץ, אָהן דעם עיקר העיקרים פון היסטאָרישען חיות—קען מען זיך דאס פּאָרשטעלען, קען דאס געמאָהלט זיין? א פיערטער וואו וועט מען זיך אַהינטהון אויף אזא ליליפּוט-מדינה'לע, וואס איז אזוי ווי א פינגערהוט אויף א קאָפּ?... און אזוי א פינפטער און אזוי א זעקסטער, —יעדער פרעגט ביטערע גאַליגע קשיות, אויף וועלכע עס איז נאָר דאָ איין תירוץ: ניין-ניין! מיר וועלען דערויף קיינמאָל נישט מסכים זיין!

אין אלגעמיין אָבער, אזוי ווי דער עולם רעקרוטירט זיך מיינסטענס פון סוחרים, נעמט ער דאס אָן פון סוחרי'שען שטאַנדפּונקט. אויב איינער לאָזט נאָר פאַלען דאס וואָרט „רעגולאַציע", וועט ער שוין דאס גאנצע בעשטימט נישט צאהלען, דאַרף מען זעהען וואס גרעסערן פּראָצענט און וואס בעסערע בעדינגונגען ארויסצופּועל'ן—און צוצוקלאַפּען...

דאס זענען אָבער בלויז פּריוואַט-מיינונגען, קען זיך יעדער ארויסזאָגען ווי איהם פּאַסט און ווי ער פערשטעהט.

אַנדערש איז אָבער מיט די פּערזאָנען, וואס פּראָטענדירען צו זיין די טאָן-געבער, די וואָרט-פיהרער, צו וועמענס וואָרט מען דאַרף זיך צוהערען. אויב זיי ערלויבען זיך צו ברענגען אויפ'ן פּאַפּיער אזאַלכע סוחרי'שע קאָמפּראָמיס קאָנצעפּציעס און מסקנות, פון וואס מען קען ארויסטראַגען דעם איינדרוק, אז מיר יודען זענען אין פּרינציפּ מסכים צו די פאָרגעלייגטע חלוקה, נאָר מען דאַרף פּרובען א טאָפּ טהון, אויב עס וועט זיך לאָזען עפּעס אויסקוועטשען...

זיי קענען זיך נישט איינהאַלטען ביז דער קאָנגרעס וועט זיך וועגען דעם ארויסזאָגען נאָר כאַפּען פאָראויס מיט זייערע קלוגע אַנווייזונגען.

מיט אזעלכע אומגעבעטענע דעה-זאָגער און „דיפּלאָמאַטען" זענען מיר יודען, ליידער געבענשט, אזוי גוט דאָ חוץ-לארץ, ווי דאָרט אין ארץ-ישראל. עס זענען פערהאַן אַזש אזאַלכע, ווי פּיעטרושקא אין „היינטיגען נייעס", וועלכע עצה'ן שנעל צו כאַפּען און צוצוקלאַפּען, אויב נישט קען דער ענגלענדער זיך מיישב זיין און חרטה האבען...

און דאס איז געפעהרליך.

מיר מוזען וויסען, אז דער אַראַבער האַלט ווייטער אין איין טענה'ן „כולה שלי"; ער איז נישט מוותר אויף כחוט השערה. און א כלל: אויב איינער טענה'ט „כולה שלי" און דער צווייטער צד טענה'ט „חציה שלי", איז דער דין, אז דער וואס טענה'ט, אז ס'איז מיינס אינגאַנצען — בעקומט דריי חלקים און דער וואס טענה'ט, אז נאָר א העלפט איז מיין — בעקומט נאָר א פערטעל חלק. טאָ פאַרוואס זאָלען מיר שוין אַראָבלאָזען אויף א העלפט' בשעת יענער צד האַלט זיך ביים גאַנצען? צו וואס אויפדעקען די קאַרטען און דער צייט ווען יענער שפּילט טריומף?

און דעריבער האט מען גאַרנישט געדאַרפט זיין קיין צו גרויסער חכם צו זעהען די שעדליכקייט פון די ותור-טעאָריע פון א „בי-נאַציאָנאַליטעטען-שטאַט" און „פּאַריטעט", דאס הייסט פון דער קאָנצעפּציע פון א בשותפות-מלוכה מיט גלייכע רעכט, וואס איז בשעתו ארויסגעריקט געוואָרען דורך יודישע מנהיגים, בשעת דער אַראַבער האט אפילו נישט געטראַכט דאס מינדעסטע נאָכצוגעבען פון זיינע אַליין-הערשאַפט אַפּעטיטען.

יאָ נישט ווייניג שעדליך איז געווען די גאַנצע רעזיגנאַציע און ותור-פּאָליטיק,

און נישט ווילענדיג קומען די דאָזיגע אפּיקורסישע געדאַנקען אויפ'ן רעיון: צי האט מען געדאַרפט די רעוויזיאָניסטען אזוי אויסלאַכען מיט זייער פאָדערונג פון א יודישער מלוכה און דוקא אויף ביידע זייטען ירדן? צי האט מען געדאַרפט אזוי שפּעטען פון זייער פערלאַנג פון א יודישען לעגיאָן א. ד. גל.? אונזערע חכמים זאָגען: „חוצפה אפילו כלפי שמיא מהני" — אפילו געגען אויבערשטען העלפט חוצפה, דרייסטקייט פון פערלאַנג, און ס'איז טרויעריג אויב פיהרער בעזיצען נישט די שטאַרקע אמונה אין די כחות פון יודישען פאָלק. אויב זיי בעזיצען נישט אָדער-פליגלען צו קענען דאס פאָלק מיט זיך אויפהייבען אויף די פליגלען פון אונשטערבליכען גלויבען און ענדליכען ערפילען פון אונזערע גערעכטע פאָדערונגען פון „ושבו בנים לגבולם" — אַז מיר זאָלען צוריק בעקומען ארץ ישראל אין די גרעניצען וואס זאָלען קענען אויפנעמען די אַלע פערוואָגעלטע קינדער פון די גלות-לענדער.

חכמים, הזהרו בדבריכם!

ער איז אַרויס בערום ובחוסר כל...

דאן זענען נאָך פערהאַנען אַנדערע „סוחרים", וועלכע האַנדלען אויף די זומער-וואוינונגען מיט רעיעלער סחורה...

די וועלט איז שעהן און רייך.

ווען מען פאָהרט זומער צייט אין דער געגענד פון ביסטרע, שטשירק, אוסטראָן, וויסלא א. א. וו., ווערט אונזערס א מענש פון טשענסטאָכאָוו, וועלכער ריהרט זיך ווייניג אַרויס אין דער וועלט פערגאַפּט, ער עפענט בּרייט די אויגען און גלויבט זיך גאָר נישט צו אַז די וועלט, איבערהויפּט אזוי נאָהנט פון אונז. ליגט אזא רייכע שפע פון נאַטור-שעהנקייט. עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי די גאַנצע שעהנקייט, וואָס די נאַטור פערמאָגט, האט זיך בעהאַלטען דאָרט אין יענער געגענד. דער פּשוט'ער מענש אפילו, וועלכער האט נישט קיין חוש פאַר שעהנע נאַטור-אייגענשאַפטען, ווערט ביים אָנבליק פון דער דאָזיגער לאַנדשאַפט בעגייסטערט. דער מענש ווערט דעליקאַטער בעסער און שענער.

אויף די דערמאַנטע דאָטשע ערטער איז די בעציהונג פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג צו דער יודישער א גוּטע. די קריסטען פערקויפען גערן זייערע פּראָדוקטען צו די יודען, פערדינגען די דירות און זענען בכלל העפליך צו די יודישע געסט. קוים פערברענגט מען דאָרט עטליכע וואָכען, פערגעסט מען, אז אין אַנדערע ערטער פון אונזער לאַנד, בעמיהט מען זיך אָנצורייצען איין מענש אויפ'ן אַנדערען, איין נאַציע אויף דער אַנדערער און מען פערמיאוסט דאס לעבען. האב איך טאַקי ביייגעוואוינט פאָלגענדען אינצידענט. בעת איך בין געפאָהרען קיין ביסטרע, האבען אויף דער באַהן די קריסטליכע אַרבייטער, וועלכע קעהרען זיך צוריק פון ביעלסק פון דער אַרבייט פערטשעפּעט די פאָהרענדע יודען. ווען די זעלבע אַרבייטער זענען אָנגעקומען קיין ביסטרע, האבען זיי אָנגעטהון אויפ'ן פּנים א ליבליך שמייכעלע און יעדען יוד, וועלכער האט זיי עפּיס געפרעגט האבען זיי מיט אויסערגעוועהנליכער העפליכקייט געענטפערט, איהם געוויזען און בעדינט.

ווי גיט וואָלט געווען, ווען די מענשען וואָלטען נישט געווען אזעלכע פּאַסקודניאַקעס, ווייל די וועלט איז דאָך אזוי שעהן און רייך...

אוסטראָן.

נאָך איצט, בעת איך שרייב דעם רעפּאָרטאַזש פון דעם דאָזיגען קור-אָרט, שטעהט מיר פאַר די אויגען די הערליכע פּאַנאָראַמע, וואָס די נאַטור האָט געשענקט דעם ווינקעל, וואס מען רופט אוסטראָן און ליגט אין צעשינער פּאָוויאַט. אזא רחבות, אזא שפע. געווען בין איך דאָרט סך הכול איין טאָג און געזעהען האב איך א סך, וואס ס'איז ווערט, אז מען זאָל עס בעשרייבען.

מען האט מיר געזאגט, אַז אויב איך וויל זעהען, ווי אזוי דער עולם ווילט זיך אין אוסטראָן, זאָל איך געהן אום באַסיין. האב איך געפאָלגט און געגאַנגען. איך בין מודה, אַז ביז-איצט האב איך נאָך אזא בילד נישט געזעהען און דעריבער האט עס געמאַכט אויף מיר א שטאַרקען איינדרוק, נישט צום פערגעסען און דערביי האט עס אַרויסגערופען א בייגעשמאַק.

אויף א גרויסען שטח אַרום א וואַסער ליגען אויסגעלייגט הונדערטער פרויען און מענער, פריילינס און יונגעלייט, ווי אויך קינדער. אַלע געהען כמעט נאַקעט און עס ראַיעט ווי אין א ביהנען-שטאַק. יונגע לייט און מיידלעך פלירטעווען און די מאַמעס, צוקוקענדיג ווי אזוי זייערע טעכטער האבען „פּאָוואָדזעניע" זענען זיי מקנא און בעמיהען זיך צו קאָנקורירען מיט זייער בלוט און פלייש...

צום באַסיין געהט מען פאַרמיטאָג דאָרט בעקענט מען זיך ווי געוועהנליך און מען שמועסט זיך אָב צו טרעפען נאָכמיטאָג אויפ'ן דאַנסינג און שפּעטער אין וואַלד אַריין... א גאַנצען טאָג געהען די פרויען אַרום כמעט אין גאַנצען נאַקעט און דאס נישט בלויז אין וואַסער, נאָר אויך אין דער שטאָדט, און דאס ביסעל שמאַטעס, וואס מען טראָגט אויף זיך זענען געמאַכט פון די טייערסטע שטאָפען, וואס קאָסטען אוצרות געלד. איך ווייס נישט ווי ביי אייך, נאָר אויף מיר האט דאס געמאַכט א שרעקליכען איינדרוק. איך האָב זיך בעת מעשה דערמאָנט, אז אין שטאָדט דרעהען זיך אַרום הונדערטער און אפשר טויזענדער, וועלכע געהען אויס פון הונגער און דאָ הערשט א פערשווענדערישער לוקסוס. אמת, איך האַלט אז יעדער מענש, וועלכער האט נאָר די מעגליכקייטען אַוועקצופאָהרען איז א פערברעכער, אויב ער טהוט עס נישט, אָבער צו וואס דאַרף מען, צו הולטייען. כ'רעד שוין נישט וועגען אַרויסוואַרפען געלד אין גאַס האָב איך א זאָרג, אָבער דערמיט דעמאָראַליזירט מען דאָך די סביבה.

יאָ, מיינע פריינד, איך האָב געזעהען א גרויסע שרעקליכע דעמאָראַליזאַציע, כאָטש נישט איך בין בערופען און וויל נישט זאגען קיינעם קיין מוסר. אין אוסטראָן זענען דאָך אָבער עטליכע 90 פּראָצענט יודישע קור-געסט און וואס פאַר אַנ'איינדרוק דאס מאַכט אויף די דאָרטיגע קריסטליכע איינוואוינער, קאָן מען זיך אליין משער זיין.

אויך האָב איך אין אוסטראָן געטראָפען היימישע טשענסטאָכאָווער און איך בין מודה, אז ווען זיי האבען מיך דערזעהען און געוואויר ווערענדיג, אז איך בין נישט געקומען אויף דאָרט צו פערבלייבען, נאָר זעהן און הערען האט זיי דאס נישט געשמעקט. ס'פערשטעהט זיך, אז איך וועל נישט חס ושלום דערמאָנען, ווער פון אונזערע פּאַניושעס פּראָווען הלכות אוסטראָן, נישט דאס איז מיין אויפגאַבע. כ'מוז אָבער פעסטשטעלען, אז אונזערע יודישע דאַמען און הערען פון וואס פאַר א שטאָדט דאס זאָל נישט זיין, וועלכע פאָהרען קיין אוסטראָן, טהוען מיט זייער אויפפיהרונג און פּריצות, פערפּאַסקודזיען די הערליכע נאַטור, אין וועלכער אוסטראָן איז אזוי רייך.

יודיש איז טריף.

די אויבענדערמאַנטע דאָטשע-ערטער ווערען, ווי איך האָב בעמערקט, בעזוכט פון בלויז יודען און פונדעסטוועגען הערט מען זעלטען א יודיש וואָרט.

און נישט בלויז די אַזוי-גערופענע שמענדריקעס, ביי וועלכע א יודיש וואָרט איז טריף, נאָר כמעט אַלע יודען רעדען אַלץ וואס איהר ווילט, נאָר נישט יודיש.

גאָר א בכבודיג אָרט פערנעמט די דייטשע שפּראַך, וואס ווערט גערעדט פון די ביעלסקער און אַנדערע גאַליציאַנער יודען. אָפט טרעפט זאָגאָר, אז אין גאַס שפּאַצירען יודען מיט פּאות און קאַפּעלעך אויפ'ן קאָפּ און שוואַרגאָטשען דייטש. און חס ושלום זאָל עמיצער ארויסרעדען א יודיש וואָרט קוקט מען איהם אָן, ווי ער וואָלט געווען א חסר-דעה, אָדער א נישט-אינטעליגענטער מענש.

א כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד:

ביים וואַסער-קוואַל אין אוסטראָן האָב איך צו מיין בעגלייטער גערעדט הויך יודיש. דאס האבען דערהערט עטליכע געבען-שטעהענדע מענשען, זענען זיי צו אונז צו און זיך אַרומגעכאַפּט און זיך אזוי דערפרעהט ווי זיי וואָלטען געווינען דאס גרויסע געווינס. ווי ס'האט זיך אַרויסגעוויזען, זענען זיי געווען לובלינער. זיי האבען אונז שוין נישט אָבגעלאָזט און מען האט געמוזט מיט זיי פערברענגען א גאַנצען טאָג ביז אונזער אָבפאָהרען. דערביי האבען זיי אונז דערצעהלט, אַז שוין די דריטע וואָך זענען זיי אין אוסטראָן און נישט געהערט קיין איין יודיש וואָרט און דעריבער איז זייער פרייד געווען גרויס ווען זיי האבען פאָרט געהערט רעדען מאַמע לשון.

א פּאַסקודנע פאָלק די דאָזיגע דאַטשע-פאָהרער. ביי זיי איז, מיט א קליינעם אויסנאהם, אונזער יודיש לשון טריף.

נישטאָ קיין יושר.

כ'בין צוריקגעקומען קיין טשענסטאָכאָוו און געטראָפען דאָ און דאָרט מענשען, וועלכע וואָלטען אפשר גערן געוואָלט אַוועקפאָהרען, נאָר צוליב די בעקאַנטע מאָטיווען מוזען זיי זיין א גאַנץ יאהר אין שטאָדט און וועגען אַוועקפאָהרען קאָנען זיי נור חלומ'ען. האב איך בעטראַכט די דאָזיגע מענשען און זיי פערגליכען מיט די יעניגע, וועלכע פערברענגען זאָרגלאָז אויף די קור-ערטער און עס האט מיך אַרומגענומען א טיפער רחמנות אויף די טויזענדער, וועלכע האבען נישט קיין מעגליכקייט אין די זומער-חדשים זיך אָבצורוהען אויף דער פרייער לופט און מיינע ליפּען האבען געמורמעלט: א שלעכטע וועלט, א וועלט, אויף וועלכער ס'איז נישטאָ קיין יושר.

לויתן

כוליגאנישער אנפאל אויף אונזער מיטארבייטער ה' שמואל פראנק.

אין לעצטען „וואס געהערט וואס געזעהן" פון אונזער צייטונג האבען מיר שטארק געטאדעלט די האנדלונג פון אדמיניסטראטאר מיכאל אלטער, וועלכער האט געוואלט פערדינגען אין דער אלעע 48 א געוועלב אויף א גאסטראנאמישען אנשטאלט, נישט קוקענדיג דערויף, וואס אין זעלבען הויז געפינט זיך שוין אזא געוועלב פון ה' גאלסטער, וועלכעס איז בעת די לעצטע יוני-געשעהענישען פולשטענדיג דעמאלירט געווארען. ה' גאלסטער האט בעקומען פון הילפס-קאמיטעט א געוויסע סומע און זיך צוריקגעשטעלט זיין חרוב-געווארען געשעפט. באלד אבער האט ער זיך דערוואוסט וועגען קאנקורענץ געשעפט, וואס דער אדמיניסטראטאר ה' אלטער וויל איהם דארט אריינזעצען און ער האט זיך דעריבער געוואנדען צום לעצטען ער זאל איהם נישט אומגליקליך מאכען דורכ'ן פערדינגען אין זעלבען הויז אויף אנ'ענליך געשעפט. דער סוף פון ה' גאלסטער'ס בקשה איז אבער געווען, אז ה' אלטער האט איהם שטארק צושלאגען.

ה' אלטער, וועלכער איז גוט בעקאנט אין דער שטאדט צוליעב זיין אכזריות'דיגער האנדלונג אלס הויז-אדמיניסטראטאר, האט געפונען אנ'אופן, ווי אזוי זיך אבצורעכנען מיט אונזער מיטארבייטער ה' שמואל פראנק, וועלכער האט בלויז צוליעב זיין זשורנאליסטישען חוב געשטעמפעלט געהעריג די אונערהערטע טהאט פון ה' אלטער. דער ה' אלטער האט נעמליך מיטוואך אינדערפריה אבגעווארט א לענגערע צייט אין טויער פון אונזער רעדאקציע, און בעת דער ה' פראנק איז אנגעקומען, איז דער „איידעלער" אדמיניסטראטאר אויף איהם אנגעפאלען און געשלאגען מיט א גראבען שטעקען. דער אנגעלאפענער עולם האט ארויסגערופען פאליציי, אבער איידער וואסוועהן איז ה' אלטער ענטלאפען.

דער כוליגאנישער אנפאל פון ה' אלטער האט אין דער גאנצער שטאדט ארויסגערופען גרויס אויפרעגונג.

וועגען די „מעשים טובים" פון ה' אלטער בנוגע די לאקאטארען, אין וועלכע הייזער ער פערוואלטעט, וועלען מיר בקרוב ברייטער איבערגעבען.

פראצעס פאר פונאנדערטרייבען א סאציאליסטישע 1-טע מאי-דעמאנסטראציע

דאס קרייז געריכט האט עהערגעכטען בעטראכט דעם פראצעס פון 9 קושעפיצער ענדעקעס: דעם לייטער פון דער דארטיגער ענדעקישער אבטיילונג זיגמונט בארעצקי, די ברידער אויגעניוש, טשעסלאוו און פראנטישעק ראטשינסקי, יאן שיכט, אנטאני אדאמטשיק, מאריאן סובאנסקי, מארצעלי און סטעפאן באגאטקא. זיי זענען געווארען אנגעקלאגט, אז דעם 1 מאי 1937 האבען זיי אין קושעפיץ אנטייל גענומען אינ'ם צוזאמענגעלויף, וועלכעס האט מיט געמיינזאמע כחות אטאקירט יוזעף וואלענדזקי'ן, סט. כענטשינסקי'ן, ס. ליזורא, וו. זאביצקי, צעציליא שימאנסקא, פעליקס קאפיצא און וו. שעלכקי, שלאגענדיג זיי מיט שטעקענס און שטיינער און דערביי פערניכטעט מוזיקאלישע אינסטרומענטען און צוויי פאהנען פון פ.פ.ס., 1 – פון דער דארפישער יוגענד „וויטשי" און עטליכע הונדערט עקזעמפלארען פון דער ארבייטער-פרעסע, ווי אויך א געזיגעלט זעקעל מיט געלד.

פון אלע אנגעקלאגטע, וועלכע זענען מיטגלידער פון דער ענדעקישער פארטיי האט זיך צו דער שולד מודה געווען בלויז דער 16 יעהריגער אדאמטשיק, ערקלערענדיג, אז בלויז איינמאל האט ער מיט א שטעקען דערלאנגט עפיס א סאציאליסט.

דער קאמענדאנט פון פאליציי-פאסטערונעק אין קושעפיץ פושאדאוויק קאניעטשני, וועלכער איז אויסגעהערט געווארען אלס עדות, האט בעשטעטיגט אלץ, וואס ס'איז פערהאן אין בעשולדיגונגס אקט, אונטערשטרייכענדיג, אז מיט א טאג פריהער, דעם 30 אפריל האט ער בארעצקי'ן אויפמערקזאם געמאכט נישט ארויסצוטרעטען געגען דער מאי-דעמאנסטראציע, אבער אהן רעזולטאט.

פראקוראר יאזשעמבינסקי האט פערלאנגט אין זיין רעדע א געהעריגע שטראף פאר אלע אנגעקלאגטע, איבערהויפט פאר בארעצקי'ן, אלס אנפיהרער פון די דארטיגע ענדעקעס.

דאס געריכט האט ארויסגעטראגען דעם אורטייל, לויט וועלכען: אויגעניוש ראטשינסקי, יאן שיכטא און מאריאן סוכאנסקי בעקומען צו 6 חדשים תפיסה אהן אבלעגען, 4 אנגעקלאגטע–צו 6 חדשים מיט אבלעגען דאס אויספיהרען די שטראף אויף 3 יאהר און דעם 16-יעהריגען אנטאני אדאמטשיק – אויף איבערצושיקען אין אויסבעסערונגס הויז, מיט אבלעגען דאס אויספיהרען די שטראף אויף 3 יאהר.

די ערשטע פראצעסען וועגען די טשענסטאכאווער געשעהענישען.

פרייטאג זענען אין היגען קרייז-געריכט פארגעקומען די ערשטע צוויי פראצעסען וועגען די לעצטע געשעהענישען אין אונזער שטאדט.

אין ערשטען פראצעס האבען די בעשולדיגונגס-באנק פערנומען 2 יונגע קריסטינס: מאריא מילעווסקא און יאנינא קלאס, וועלכע זענען בעשולדיגט געווארען אין נעמען אנטייל מאנטאג, דעם 21-טען יוני ד. י. אין אנ'עפענטליכען צוזאמענגעלויף, אין ווארפען שטיינער אויף דער פאליציי, אין בעליידיגען די פאליציי א.ד.גל.

דער צוזאמענשטעל פון געריכט איז געווען אנ'איינפערזאניגער. דעם פראצעס האט בעטראכט ריכטער טערפילאווסקי, בעשולדיגער – וויצע-פראקוראר שליטטער. קיין פערטיידיגער האבען די אנגעקלאגטע נישט געהאט.

באלד ביים אנהויב שטעלט דאס געריכט פעסט, אז די דריטע בעשולדיגטע אין זעלבען פראצעס, אננא לושטש, האט זיך נישט צוגעשטעלט, צוליעב וואס דאס געריכט האט בעשלאסען איהר פראצעס אויסצוטיילען און זי צו לאזען ארעסטירען ביז'ן פראצעס.

נאכ'ן פארלייענען דעם בעשולדיגונגס-אקט טרעטען ארויס עטליכע פאליצייאישע עדות, וועלכע גיבען איבער, אז מאנטאג, דעם 21 יוני אין די נאכמיטאג-שעה'ן, בעת דער המון איז אראבגעשטויסען געווארען פון די אלעען, האט זיך א טייל פון אנ'ערך 500 פערזאן פערזאמעלט הינטער'ן פלויט פון קאשטשאל אין נייעם מארק און פון דארט ארויסגעווארפען שטיינער אויף דער פאליציי, און בענוצט אויפ'ן אדרעס פון דער פאליציי בעליידיגענדע אויסדריקען, ווי: יודישע פאכאלקעס, ביקעס, הינט א. ד. גל. אין דער שפיץ פון דער דאזיגער חברותא איז געשטאנען מאריא מילעווסקא, וועלכע האט געהאלטען הויך אין דער לינקער האנד א שטעקען און מיט דער רעכטער האט זי געווארפען שטיינער. די זעלבע האט אויך כסדר געזידעלט די פאליציי און ווען א פאליציאנט האט זי געפרובט צו ארעסטירען, האט זי זיך ארויסגעריסען. צומארגענס ערשט איז זי ארעסטירט געווארען און געפינט זיך אין טורמע ביז היינט.

וועגען דער צווייטער בעשולדיגטער, יאנינא קלאס, האבען די עדות געזאגט, אז זי האט געמאכט פערשידענע בעליידיגענדע אויסגעשרייען אויפ'ן אדרעס פון דער פאליציי.

אויף דער פראגע פון ריכטער ערקלערען די בעשולדיגטע, אז זיי זענען בכלל דאמאלס נישט געווען אין נייעם מארק. דער ריכטער בעמערקט דערויף, אז זייערע ערקלערונגען פאר'ן אויספארשונגס-ריכטער זענען אין סתירה צו די יעצטיגע ערקלערונגען.

דער פראקוראר האלט א קורצע רעדע, אין וועלכער ער ווייזט אן אויף דער גלויבענסווירדיגקייט פון די עדות, וועלכע האבען פעסטגעשטעלט די שולד פון די אנגעקלאגטע און דערביי גיט ער צו, אז דאס וואס די בעשולדיגטע זענען דאס מאל פרויען, דארף נישט דינען פאר'ן געריכט אלס מילדערענדער אומשטאנד, צוליעב דעם, וואס פרויען זענען שטענדיג אגרעסיוו און דינען אלס שטויס-קראפט צו אלע ארויסטרעטונגען.

נאך א קורצער בעראטונג טראגט ריכטער טערפילאווסקי ארויס דעם אורטייל, לויט וועלכען מילעווסקא ווערט פאר אנפאלען אויף דער פאליציי פער'משפט אויף 6 חדשים טורמע און פאר בעליידיגען די פאליציי–אויף 3 חדשים צוזאמען 6 חדשים. אננא קלאס ווידער – אויף 6 חדשים מיט'ן אבלעגען דאס אויספיהרען די שטראף אויף 3 יאהר.

אין צווייטען פראצעס זענען אויף דער בעשולדיגונגס-באנק געזעסען: טאדעאוש פוכאלא (אנפיהרער פון דער ענדעקישער קלאק אין זאוואדיע), סטאניסלאוו קובאט, אנטאנינא סקושיפטשיק, יאנינא יאנוס, מאריא מישקעוויטש, זיגמונט זיידעל און פראנטישעק פזשיסטאלסקי. אלע בעשולדיגטע זענען אין עלטער פון 17 ביז 26 יאהר.

דער געריכטס-קאמפלעט איז דער זעלבער. אלס פערטיידיגער פון די אנגעקלאגטע: פוכאלא, קובאט, יאנוס און זיידעל טרעט ארויס דער ענדעקישער אפליקאנט גלינסקי.

לויט'ן בעשולדיגונגס-אקט ווערט די אנגעקלאגטע פארגעווארפען, אז זיי האבען מאנטאג נאכמיטאג, דעם 21-טען יוני ד.י. זיך בעטייליגט אין די געשעהענישען, בעת וועלכע ס'זענען דעמאלירט געווארען יודישע געוועלבער און וואוינונגען. ביי זיידעל'ן האט מען דאמאלס געפונען א העמעריל. בעת די דאזיגע געשעהענישען האט דער פאסטמער. ווסאלאווסקי פערהאלטען מאריאן פרימאס, וועלכער האט געהאקט שויבען אין יודישע וואוינונגען און דאן איז צו איהם צוגעלאפען די אנגעקלאגטע יאנוס, וועלכע האט זיך מיט איהם געאמפערט, וועלענדיג בעפרייען דעם פערהאלטענעם. פזשיסטאלסקי ווידער איז אנגעקלאגט געווארען דערפאר, וואס בעת ער איז געפאהרען מיט'ן פאסט-וועגעלע ארויסנעהמען די בריעף פון פאסט-קעסטיל אויפ'ן נייעם מארק, האט ער גערופען דעם המון צו שלאגען די פאליציי און געווארפען בעליידיגענדע אויסדריקען אויפ'ן אדרעס פון דער פאליציי.

בעת אויספרעגען די פערסאנאליען ווייזט זיך ארויס, אז פוכאלא איז שוין צוויי מאל פער'משפט געווארען צו א האלב יאהר תפיסה אויך פאר אנטי-יודישע ארויסטרעטונגען; אז די אנגעקלאגטע סקושיפטשיק איז פער'משפט געווארען נישט לאנג צוריק אויף 18 חדשים טורמע פאר א גנבה און די שטראף איז איהר אבגעלעגט געווארען און אז אויך יאנינא יאנוס איז שוין געווען 2 מאל בעשטראפט פאר פערשידענע חטאים. אפילו דער פאסטבעאמטער פזשיסטאלסקי איז שוין אבגעקומען א שטראף.

אויף דער פראגע פון ריכטער ערקלערט פוכאלא, אז ער איז קיין שום חטא נישט בעגאנגען, ער האט נאר, זעהענדיג אין דער ערשטער אלעע שטעהן א יוד אין פענסטער און איראניש לאכען, געכאפט א האלץ-טאוועל פון בלומען-סקווער און געוואלט איהם ווארפען דעם יוד. ער האט אבער די טאוועל פארט נישט געווארפען.

אויך די איבריגע בעשולדיגטע, אויסער דער מישקעוויטש, וועלכע האט–ווי זי ערקלערט–גלאט אזוי-זיך געווארפען א שטיין אין א יודיש פענסטער, בעקענען זיך נישט צו קיין שום שולד.

די עדות–ווידער פאליציאנטען און פאליציי-פונקציאנערען–גיבען אב זייערע ערקלערונגען. דער ערשטער, פאסטער. קאשינסקי דערצעהלט, אז פוכאלא איז געשטאנען אין דער ערשטער אלעע אין דער שפיץ פון א המון פון עטליכע הונדערט פערזאן און ער האט געגעבען דעם ערשטען סיגנאל אנצוהויבען די ארבייט. דער דאזיגער סיגנאל איז געווען דאס ווארפען א האלץ-טאוועל אין א יודיש פענסטער און דאן האט דער המון, מיט שטיינער און שטעקענס אין די הענד געשריגען „הורא", זייענדיג גרייט צו דעמאלירען יודישע געוועלבער. דער עדות אבער און אויך אנדערע פאליציאנטען, וועלכע זענען אין דאזיגען מאמענט אנגעקומען, האבען תיכף צוטריבען דעם המון, וועלכער האט זיך דאמאלס אראבגעלאזט צום קאשטשאל און נייעם מארק.

דער פאליציאנט שיקארסקי גיט איבער ווי אזוי דער פאסט-פונקציאנאר פזשיסטאלסקי האט אנקומענדיג מיט'ן פאסט-וועגעלע אויפ'ן נייעם מארק, געהעצט דעם המון אנצופאלען אויף דער פאליציי און גלייכצייטיג האט ער געווארפען אויף דער פאליציי פערשידענע בעליידיגענדע אויסדרוקען. דער זעלבער עדות בעשטעטיגט אויך די בעשולדיגונג געגען דער יאנינא יאנוס, וועלכע האט זיך געווארפען אויפ'ן פאליציאנט וועסאלאווסקי און געוואלט איהם אבגרייסען דעם פערהאלטענעם פרימאס.

די ווייטערע עדות האלטען אונטער די בעשולדיגונג געגען די איבריגע אנגעקלאגטע און דאן האט גערעדט פראקוראר שליטער, וועלכער ערקלערט, אז די געריכטס-פערהאנדלונגען האבען בעלויכטען די שולד פון די אנגעקלאגטע, וועלכע האבען מיט בשותפות'ע כחות געוואלט פערניכטען דאס פערמעגען פון יודישע איינוואוינער. דעם אנגעקלאגטען פוכאלא האלט דער פראקוראר אלס דעם פיהרער פון די דאזיגע ארויסטרעטונגען, די איבריגע ווידער האבען אויך אויף בעזונדערע אופנים אנטייל גענומען אין די געשעהענישען. דער בעשולדיגער ערקלערט, אז ליידער האט די אויספארשונג פון די יוני-ארויסטרעטונגען, געבראכט אויף דער בעשולדיגונגס-באנק נאר א קליינע טייל. צום סוף פון זיין רעדע פאדערט דער פראקוראר א געהעריגע שטראף פאר אלע אנגעקלאגטע.

דער פערטיידיגער אפל. גלינסקי זאגט, אז קודם כל מוז בעטאנט ווערען אויף וואס פאר א קאנווע די דאזיגע געשעהענישען זענען פארגעקומען – אז דאס זענען געווען די פאלגען פון מארד, וועלכער איז בעגאנגען געווארען אויף באראנ'ען. דאן רעדט ער וועגען זיינע פיער קליענטען, וועלכע ער האלט אינגאנצען פאר אונשולדיג און פאדערט זיי פרייצושפרעכען.

אין זיין לעצטען ווארט ערקלערט פוכאלא, אז ער איז אונשולדיג און אויב ער האט עפיס געטהון, איז עס „אויס ליבע צו זיין אייגען פאטערלאנד און צום אייגענעם פאלק". אויך די איבריגע בעשולדיגטע בעטען זיי צו בעפרייען.

נאך א לענגערער בעראטונג טראגט דאס געריכט ארויס אנ'אורטייל, לויט וועלכען פוכאלא ווערט פער'משפט אויף 3 חדשים טורמע, קובאט, סקושיפטשיק, מישקעוויטש און זיידעל צו 6 חדשים מיט אבלעגען די שטראף אויף 3 יאהר, יאנוס – פאר 3 חטאים אויף 6, 3 און 2 חדשים, צוזאמען 6 חדשים מיט אבלעגען די שטראף אויף 3 יאהר און פזשיסטאלסקי – אויף 3 און 2 חדשים–צוזאמען 4 חדשים.

דאס גיפט=מישעריי פון דער היגער „גאזעטא נאראדאווא".

„יודישע חוצפה".

אונטער'ן דאזיגען קעפיל איז אין לעצטען נומער פון דער „גאזעטא נאראדאווא" אבגעדרוקט פאלגענדע נאטיץ:

„זונטאג, דעם 11 יולי האט דער יוד דוד פרעזעראוויטש (1 מאי-גאס 18) אנגענומען ביים האלז דעם 9 יעהריגען סטעמפיען (1 מאי-גאס 20) און איהם געשטיקט א לענגערע צייט דערפאר, ווייל דאס יונגעל האט געזינגען אויפ'ן הויף. ערשט אויף די געשרייען פון די שכנים האט דער יוד אבגעלאזט דאס יונגעל. עהנליכע טהאטען פון דאזיגען יוד, וועלכער האסט קריסטליכע קינדער, חזר'ן זיך איבער זעהר אפט.

כדאי צו דערמאנען, אז דער פאטער פונ'ם דאזיגען יונגעל איז א סאציאליסט און דעם צושלאגענעם'ס מוטער קויפט נאר אינ'ם געוועלב פון דאזיגען יוד. א שאד, אז דער דאזיגער יוד האט נישט אנגעכאפט ביים האלז דעם פאטער און נישט דעם זוהן – אפשר וואלט ער זיך דאמאלס אבגערוקט פון אונטער די איינפלוסען פון פ. פ. ס., מיט וועלכער ס'פיהרען-אן אזאלכע יודען, ווי פרעזעראוויטש.

עס איז נאך ווערט צוצוגעבען, אז אין פרעזעראוויטש'ס געוועלב (מיט שני'ט סחורות!) עסט אפט פריהשטיק דער דארטיגער דזיעלניצאווי ה' א., כאטש אויף דער אנדערער זייט גאס איז פערהאן א קריסטליך שרייז-געוועלב".

אנ'אונגעוועהנליכער פארפאל.

כדי צו געבען א בילד, ווי טיכטיג עס ארבייט די היגע „גאזעטא נאראדאווא" איז כדאי פון דארט איבערצודריקען א נאטיץ וועגען א צופאל מיט שויבען, וועלכע ס'האט אריינגעשטעלט א יודישער גלעזער און וועלכע זענען צוליעב אטמאספערישער פערווירונג געפלאצט.

„דעם 17 דח. האט אויף רובנאלעגלא 4 פאסירט א כאראקטעריסטישער פארפאל אינ'ם ניי-אויפגעבויטען הויז פון ה' צאנערא, א בעאמטער פון דער „טשענסטאכאוויאנקע". פון אונבעוואוסטע סיבות זענען אינ'ם דאזיגען בנין געפלאצט אנ'ערך 40 גרויסע שויבען, וועלכע ס'האבען מיט עטליכע טעג צוריק אריינגעשטעלט יודישע גלעזער. ווארשיינליך איז דאס געשעהן צוליעב אטמאספערישער פערווירונג.

אויף צומארגענס האט ה' צאנער געבראכט א קריסטליכען גלעזער, וועלכער האט אריינגעשטעלט 40 נייע שויבען, וועלכע זענען נאך ביז-היינט אונבעשעדיגט. קיין שום אטמאספערישע סיבות האבען מעהר נישט פאסירט".

דעם דאזיגען פאל נוצט אויס די אנטיסעמיטישע צייטונג צו איהרע געמיינע אנטיסעמיטישע ארויסטרעטונגען ביים פראקלאמירען דעם באיקאט אויף יודען.

1-טער באנד פון „ציוניסטישען לעקסיקאן".

אין די נאהנטסטע טעג ערשיינט דער גאנצער 1-טער באנד (10 העפטען) פון „ציוניסטישען לעקסיקאן" אין א פראכט בונד. דער „ציוניסטישער לעקסיקאן" אונטער דער רעד. פון ד"ר א. טארטאקאווער, ד"ר י. שיפער, ד"ר נ. מ. געלבער, ק. צווייבוים און פ. וואסערמאן פערשפרעכט צו זיין א פולע ציוניסטיש-ארץ ישראל'דיגע ענציקלאפעדיע, אין וועלכער עס ארבייטען מיט אנגעזעהענע וויסענשאפטליכע און ליטערארישע כחות פון אלע ריכטונגען אין ציוניזם. דאס ערשטע מאל אין דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער בעוועגונג ווערט דא אנ'ערנסטער פרוב צונויפצופאסען אין א ענציקלאפעדישע פארם דאס גאנצע ביז איצט ריזיג אנגעזאמעלטע ציוניסטיש-ארץ-ישראל'דיגע מאטעריאל. עס איז איבריג צוצוגעבען, וואס פארא גרויסע קולטורעל-ציוניסטישע חשיבות עס וועט האבען די דאזיגע מאנומענטאלע אויסגאבע.

דער ערשטער באנד, באלד נאכ'ן ערשיינען, וועט גלייך צוגעשיקט ווערען אלע טשענסטאכאווער אבאנענטען.

דער לאדזער רבי ר' עמנואל וועלטפרייד אין טשענסטאכאו

היינט, פרייטאג קומט צו פאהרען קיין טשענסטאכאוו דער לאדזער רבי ר' עמנואל וועלטפרייד, וועלכער וועט דא ווײלען ביז מאנטאג פרשת ראה, דעם 2-טען אויגוסט ד.י.

דער רבי וועט איינשטעהן ביי ה' שלמה גערמאן, ווארשאווער 19.

נדבות אין רעדאקציע

די לאקאטארען פון הויז אלעע 12 האבען אריינגעטראגען 13 זל. פאר די טשענסטאכאווער געליטענע אנשטאט בלומען אויפ'ן קבר פון אדאם וואלבערג.

פונ'ם יודאאיסטישען אינסטיטוט.

מארגען, מוצאי שבת וועט די ביבליאטעק ביים אינסטיטוט טעטיג זיין פון 9 ביז 10 א זייגער אווענד.

ענטדעקט אַ צמענטאַזש פון פאַר 3500 יאָהר.

בעת די ערד-אַרבייטען אויפ'ן פעלד, הינטער טשענסטאָכאָוו, אינ'ם גוט פון שטיינהאָגען, וואס געפינט זיך 1 קילאָ-מעטער פון דער באהן סטאציע אָלשטין, האבען די ארבייטער אָנגעטראָפען אויף אונגעהויער וויכטיגע און ווערטפולע אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען. דער-מיט האבען זיך פעראינטערעסירט ווי-סענשאפטסלייט, וועלכע האבען דעלע-גירט אַנ'אַרכעאָלאָג פון ווארשא, אונ-טער וועמענס אויפזיכט ס'זענען גע-פיהרט געווארען די ווייטערדיגע זוכע-נישען און נאך א גאנצע וואָך עהער-נעכטען געווארען פערענדיגט.

ס'האט זיך ארויסגעוויזען, אז אויפ'ן דאזיגען אָרט האט זיך אמאל געפונען אַ צמענטאַזש, וועלכער שטאמט, לויט דער מיינונג פון פאָרשער, נאך פון 16-טען יאהרהונדערט פאר כריסטוס'עס געבורט.

אויף א שטח פון עטליכע צעהנדליגג מעטער זענען געפונען געווארען אייני-גע קברים און אין זיי קעסטלעך מיט פערברענטע מענשליכע ביינער, ווי אויך פערשידענע שטוב-חפצים, ווי: בראָנסאָ-לעטען, מעטערס א. א. האָרט פאר'ן פערענדיגען די ארבייטען איז נאך גע-פונען געווארען אנ'אוירינגעל מיט א בורשטין-שטיין.

דעם צמענטאַזש און די פערשידענע אויסגעגראָבענע זאכען האבען געזעהן פיעל היגע איינוואוינער, ווי: דער שטאדט-פרעזידענט שכשאָדראָווסקי, פּאָ-ליציי-קאמענדאנט יאַניקאָווסקי א.א.

די ווערטפולע אויסגעגראבענע חפצים זענען אריבערגעפיהרט געווארען קיין ווארשא, וואו זיי וועלען גענוי גע-פארשט ווערען דורך אַרכעאָלאָגען.

גרוסען פון ארץ-ישראל.

קיין טשענסטאָכאָוו איז געקומען אויף עטליכע טעג צו גאָסט אונזער בן-עיר, דער פאָרזיצער פון די טשענסטאכאווער לאַנדסלייט אין תל-אביב ה' גאָדל פרייטאָג.

די יעניגע טשענסטאכאָווער, וועלכע ווילען אָבנעמען א גרוס פון זייערע קרובים, בעקאַנטע, פון ארץ ישראל אדער מיטשיקען גרוסען, אויך אזעלכע, וועלכע ווילען זיך אינפאָרמירען וועגען ארץ-ישראל-פראָגען דאַרפען זיך ווענדען זונטאג, דעם 1-טען אויגוסט ד. י. פון 4 ביז 8 אָוונד אין לאָקאל פון דער קהלה (אַלעע 10), וואו ה' פרייטאָג וועט ספעציעל צו דעם צוועק אַמטי-רען.

אַ לעבעדיגער פאַקעל אין אַ פענסטער

אַ'אויפרייס בעת'ן קאָכען פאַסטע צו א פאָדלאָגע.

נעכטען, ארום האַלב 11 א זייגער פריה איז אויף שלאַנסקא גאַס 24, אין דער וואוינונג פון נאַטשעלניק פון דער ווירטשאַפטליכער אָבטיילונג אינזש. ווורובעל, געשעהן פאָלגענדער שוידער-ליכער פּאַרפאַל:

נאַטשעלניק ווורובעל, צוזאַמען מיט זיין פרוי ווילען אויף אורלויב, איבער-לאָזענדיג אין זייער וואוינונג אויפ'ן דריטען שטאָק די 29-יעהריגע דינסט אַניעלא פיענקאָס. ווועלענדיג מאכען אָרדנונג אין דער וואוינונג איז זי צו-געטרעטען צו קאָכען פאַסטע צו די פאָדלאָגעס. צוליב אונפאָרזיכטיגקייט איז אבער געשעהן אַנ'אויפרייס פון בענזין, וואס ווערט בענוצט צו פאַבריצירען די פאַסטע, פון די פלאַמען האבען זיך אבער אנגעצינדען די מלבושים אויף דער דינסט, וועלכע איז ווי א לעבע-דיגער פאַקעל צוגעלאפען צום פענסטער און גערופען הילף.

די אַלאַרמירטע שכנים זענען ארויס-געלאפען אין דער וואוינונג אריין און נאכ'ן אויסברעכען די טהיר זיך געוואָר-פען צו-הילף דער דינסט. ס'איז אויך אנגעקומען די גיכע-הילף פון די פייער-לעשער. ס'זענען אראבגעריסען געווא-רען די ברענענדע מלבושים פונ'ם קרבן פון פּאַרפאַל, אבער איהר צו-שטאַנד איז געווען האָפנונגסלאָז. די אָבגעבריהטע האנד, פיס און דער גאַנ-צער קערפער האבען פארגעשטעלט א שוידערליך בילד.

דער ארויסגערופענער דאקטאר פון דער גיכער הילף האט ערטיילט דער געליטענער די ערשטע הילף און אין א שווערען צושטאנד זי איבערגעפיהרט אין דער אובעזפיעטשאַלניע, וואו זי איז דעם זעלבען טאָג אין שרעקליכע יסורים געשטאָרבען.

די ברענענדע שאַנק איז דורך די שכנים און פייערלעשער איינגעלאָשען געווארען.

Zgłoszenia na II turnus
na kolonie letnie szkoły im. Z. Wajsztokówny
przyjmuje kancelaria szkoły lub kierownictwo kolonii we Włodzimierzowie,
poczta Przygłów, Willa Stylowa.

Proszek od BÓLU GŁOWY
DLA DOROSŁYCH ZE ZN. FABR.
KOWALSKINA
stosuje się również
ZNAK OCHR.
PRZY PRZEZIĘBIENIU GRYPIE i KATARZE

אורטיילען פון העכסטען געריכט אין סוחרישע ענינים.

צי איז א האנדעלס-אָנגעשטעלטער אַ גייסטיגער ארבייטער, וואס מוז אַסע-קורירט ווערען אין דער „אובעזפיע-סשאַלניע"? און וואס פאר א קאטעגאָר-יע האנדעלס-אָנגעשטעלטע זענען דאס אונטערגעוואָרפען? 3 און 258 פון דעקרעט פון מלוכה-פרעזידענט וועגען אַסעקורירען גייסטיגע ארבייטער ווערט בלויז געזאגט, אז גייסטיגע ארבייטער מוזען דורך זייערע אַרבייטס געבער ווערען אסעקורירט, אָבער צי איז א האנדעלס-אָנגעשטעלטער אויך א גייס-טיגער ארבייטער?

דאס העכסטע אדמיניסטראטיווע טרי-בונאל האט ארויסגעטראגען אין 7. יאַ-נואר 1937 א אורטייל לויט'ן נומער 10875-34 אין וועלכען עס ווערט גע-זאגט פאָלגענדעס:

אַ האנדעלס-אָנגעשטעלטער, וואס פערנעהמט זיך בלויז מיט פערקויפען סחורה אָדער א עקספּעדיענט קאן נישט ווערען פערעכענט אלס גייסטיגער ארבייטער אויב ער בעזיצט נישט די געהעריגע בילדונג. דאגעגען אָבער ווען א האנדעלס-אָנגעשטעלטער אָדער א עקספּעדיענט פערשרייבט אויך אין די ביכער, אָדער שרייבט-אויס קוויטונ-גען, אדער נעהמט אן געלד פאר סחו-רה, און די דאזיגע פונקציעס זענען גרעסער פון דער ארבייט אלס פערקוי-פער אָדער עקספּעדיענט, דאמאלס ווערט אזעלכער יאָ פערעכענט אלס גייסטיגער ארבייטער, הגם ער בעזיצט נישט קיין בילדונג.

• • •

דאס העכסטע אדמיניסטראטיווע טריבונאל האט אין אורטייל פון 19 דעצעמבער 1936 נומער 34—9959 ער-קלערט פאָלגענדעס:

אויב מען פערלעגט זיך א נייע אונ-טערנעהמונג און מען טרעט-צו בלויז מיט מזומן געלד איז נישט נויטיג צו מאכען א אינווענטאר-אויפשטעלונג און א בילאַנס ביים פערלעגען דאס גע-שעפט.

סחורה וואס מען בעקומט אויף קאָ-מיס דאַרף מען נישט איינשרייבען אינ'ם אינווענטאַר.

• • •

אין אורטייל פון העכסטען אדמי-ניסטראַטיווען טריבונאַל פון 5 מערץ 1937 נומער 37-8518 האט דאס העכ-סטע געריכט נאָכאמאָל בעשטעטיגט די פריהערדיגע אורטיילען אז אין די פאלען, ווען דער שטייער צאהלער פעררופט זיך אין זיין זעזנאַניע אויף די האנדעלס ביכער, וועלכע די שטייער-מאכט האט נע'פסל'ט, דאַרף די שטיי-ער-מאָכט זיך רעכענען ביים שאָצען דעם אומזאץ מיט די דאָזיגע ביכער ווי מיט נאָטיצען.

זעלבסטפערשטענדליך, אז אויב מען פסל'ט די ביכער ווייל מען האלט זיי פאַר פאלש געפיהרט, דעמאלס רעכענט מען זיך נישט מיט זיי און מען שאצט זיי לויט די מאַטעריאַלען וואס עס בעזיצט די שטייער-מאכט.

אַריבערגעטראָגען דעם דענקמאָל פון מאַרשאַל פּילסודסקי.

די געזעלשאפט פון עפענטליכע שולען אויף סאַווינסקי גאַס 36 האט פויריגעס יאהר אויפגעשטעלט אויף זייער פלאַץ א הערליך דענקמאָל פאר'ן מאַרשאַל יוזעף פילסודסקי.

ארויסגעהענדיג פון שטאנדפונקט, אַז די סאַווינסקי גאַס איז א זייטיגע און געפונט זיך ווייט פון צענטרום, האט די דערמאנטע געזעלשאפט בעשלאָסען דעם דאָזיגען דענקמאל צו שענקען דער שטאָדט, וועלכע זאָל איהם אוועק-שטעלען אויף א מעהר פאַסיג אָרט.

די לעצטע טעג איז שוין דער דאָ-זיגער דענקמאָל אריבערגעטראָגען גע-ווארען אונטער דער פערזענליכער אויפזיכט פון זיין שאפער — קינסטלער פּאַליטשינסקי אויף זיין ניי-בעשטימט אָרט, אויפ'ן פלאַץ פאר'ן בנין פון דער פאָלקס-שולע אויף נאַרוטאָוויטשאַ גאַס.

די אָפיציעלע טייל פון איבערגעבען דעם דענקמאָל צו דער שטאָדט וועט פארקומען דעם 6 טען שערפּיען, אינ'ם טאָג פון אַרויסמאַרש פון דער ערשטער קאַדרובקע.

KINO „EDEN".

פאר די אַלע, וואס האבען נאך דעם פילם נישט געזעהען! — נאָר 3 טעג!

דער אונפערגלייכליכער, ריי-צענדער, פּול ראָמאַנטיזם

SEN NOCY LETNIEJ

כדי פאר אלע צו ערמעגליכען צו זעהען דאס בילד זענען די פרייזען: קושעטלאָ 54 גר., לאָזשע 80 גר.

אָנהויב 6 און 9 אָווענד.

Kino „LUNA"

באַרבאַרא סטאַנוויק, ראָבערט טיילאָר, זשאַן הערשאָלט

אינ'ם מעכטיגען פילם פון וואַן-דייק

POŚWIĘCENIE

איבער'ן פראָגראַם: די קאָמעדיע

WESOŁY DONŻUAN

אין די הויפט ראָלען:

מירנאַ לאָי און ראָבערט מאָנטגאָמערי

Kino-Teatr „STYLOWY"

Aleja 27.

טראָץ אלע קלאָגען, לעבען און מאַכען לאַכען ביז טרעהרען!

זייער נייעסטער שלאָגער, וועגען וועלכען ס'רעדט די גאַנצע וועלט!

Pat i Patachon

אינ'ם פילם

Cyrk na okręcie

זייערע פריידען און ליידען לעבען אלע מיט!

איבער'ן פראָגראַם: קלאַנג-צוגאָבען

צו אַלע אונזערע לעזער!

צו אַלע, וועלכע אינטערעסירען זיך מיט קינדער-ערציהונג!

וויכטיגע פרעמיעס פאר אונזערע לעזער — אַ גוצליכע האַנד-בוך פאַר אונזערע טאַטעס און מאַמעס! 300 הנחה אָבאָנאָמענטען פון געזעלשאַפטליך-פעדאַגאָגי-שען זשורנאַל „דאס קינד".

אונזער רעדאַקציע איז געלונגען נאך א פערשטענדיגונג מיט דער לייטונג פון געזעלשאַפטליך-פעדאַגאָגישען זשורנאַל „דאס קינד" אין ווארשא צו בעקומען פאר איהרע לעזער 300 הנחה-אַבאָנאָמענטען פון „דאס קינד".

„דאס קינד" איז היינט-צו-טאָג דער איינאונאיינציגער פעדאַגאָגישער זשורנאַל איבער'ן יודישען כדור הארץ, וואס ערשיינט אָהן איבעררייס אנ'ערך 15 יאהר. די בעקאַנטסטע יודישע פעדאַגאָגען, פּסיכאָלאָגען, לעהרער און ערציהער זענען די שטענדיגע מיטארבייטער פון „דאס קינד".

ווי אזוי מ'דאַרף קינדער ערנעהרען, היילען זיי בעת א שלאַפקייט, בעציהען זיך צו זיי אין מאָמענטען, ווען זיי זענען אין כעס אָדער אויפרעגונג, ווירקען אויף זיי עטיש און מאָראַליש בע-איינפלוסען, ווי אָבגעוואוינען זיי פון ליגענס, פוילקייט, אָנאַניזם, נערוועזיטעט און אנדערע פסיכי-שע נייגונגען. ווי—מיט איין וואָרט—דערציהען אונזערע קינדער אלס פרייע און פסיכיש-געזונדטע מענשען. אָט דאס אלץ און נאָך פיעל אנדערע פּראָבלעמען בעריהרט „דאס קינד" יעדען מאָנאט אויף 32 דרוק-זייטען, גרויסען פאָרמאט. נישטאָ קיין געביעט פון פעדאַגאָגיק און פסיכאָלאָגיע, וועלכע „דאס קינד" זאָל נישט אויספיהרליך בעריהרען און גענוי בעהאנדלען.

יאַנוש קאָרטשאַק, דער גרעסטער יודיש-פוילישער פעדאַגאָג דריקט אין „דאס קינד" א סעריע אַרטיקלען וועגען פעדלערן און זינד, וועלכע מיר, עלטערן, בעגעהן אָפט לגבי אונזערע קינדער. קלמן ליס, דער בעקאַנטער דיכטער און לייטער פון הייל-פעדאַגאָגישען אנשטאַלט אין אָטוואָצק דרוקט רעגעלמעסיג אַרטיקלען וועגען אנאָרמאַלע קינדער און דעם אופן פון אויסהיילען זיי. ע. בירקענהיים, לייטערין פון דער בעריהמטער מיידעל-שולע אין נהלל (פאַלעסטינא) גיט אין יעדען נומער גענויע אָנווייזונגען ווי אזוי מ'דאַרף שפייזען קינדער. פון אמעריקא בעטייליגט זיך אין „דאס קינד" דער בעקאַנטער פסיכיאַטער ד"ר מ. וויינבערג. פון רומעניע—פּראָפ. ניימארק, פון פראַנק-רייך—ד"ר מ' ברינד. פון פאַלעסטינא—ד"ר ה. אָרמיאַן. פון שווייצאַריע—דאָצענט ד"ר פ. פוימ-גאַרטען-טראַומער. פון פוילען—א. אינדעלמאַן, ד"ר א. בערמאַן, א. גאָלדין, וו. דערלאַבטער, נ. תעכט, י. וועסאָלעק, י. וויינגאַרטען, מ. יאַקובאָוויטש, ד"ר פּאַפּירמאַן, א. פּרץ, ד"ר קאַנטאָר, ד"ר שטיינבערג, ד"ר שטענדיק און אנד. אלזאָ, דאס בעסטע פון דער יודישער פעדאַגאָגיק איז בעטיי-ליגט אין „דאס קינד".

מיט צופרידענהייט קענען מיר דעריבער מיטטיילען אונזערע לעזער. אז די רעדאַקציע פון „דאס קינד" האט איינגעשטימט צו ערטיילען אונז 300 הנחה-אבאָנאמענטען פון „דאס קינד". דאס קינד ערשיינט לויט'ן שול-יאָהר אין 10 נומערן. דער נאָרמאַלער פרייז איז 4 זלאָטעס א יאהר. אין איינ-צעל-פערקויף איז דער זשורנאַל בכלל נישט בנמצא. ווער פון אונזערע לעזער עס וועט אריינשיקען (5 גר. א פאַסט-מאַרקע) דעם בעזונדער-אָבגעדרוקטען קופּאָן אין דער אדמיניסטראַציע פון „דאס קינד", ווארשא, פּרעדרי 10 וו. 9. מיט זיין אייגענעם אדרעס וועט דעם זשורנאַל בעקומען בלויז פאר 2 זל. א יאהר.

די עפענטליכע אַרבייטען וועלען געפיהרט ווערען ביז ווינטער.

די אַרבייטער, וועלכע זענען בעשעפ-טיגט ביי די שטאָדטישע עפענטליכע אַרבייטען האבען עהערנעכטען ארויס-געשיקט א דעלעגאַציע אין דער וואָיע-וואָדזטווע קיין קעלץ, כדי צו אינטער-ווענירען וועגען א הוספה פון די לויה-נען און פערגרעסערן די צאהל אַר-בייטס-טעג.

די דעלעגאַטען זענען צוערשט אויפ-גענומען געווארען דורכ'ן וויצע-דירעק-טאָר פון וואָיעוואָדישען אַרבייטס פאָנד ה' כראַבאָנשטשעוויטש, וועלכער האט אנגענומען א נעגאַטיווע שטעלונג אויף די פאָסטולאָטען פון די ארבייטער וועגען א הוספה פון די לויהנען און פער-גרעסערן די וועכענטליכע צאהל אַר-בייטס טעג. די דעלעגאַציע האט דאן ארויסגערוקט אנ'אַנדערען פאָסטולאַט וועגען צולאָזען צו דער אונטערשטיצונג פון ארבייטס-פאָנד די דאזיגע ארבייטער, וועלכע האבען במשך פונ'ם לויפענדען יאהר אָדורכגעאַרבייט אויף די עפענט-ליכע ארבייטען 104 טעג, דאַגעגען האבען זיי פויריגעס יאהר נישט אָדורכ-געאַרבייט קיין 13 וואָכען.

צום דאזיגען פאָסטולאָט האט דירעק-טאָר כראַבאָנשטשעוויטש זיך בעצויגען מיט סימפּאַטיע און צוגעזאגט דעם דאָ-זיגען ענין גינסטיג צו ערלעדיגען.

דאן איז די דעלעגאַציע אויפגענומען געווארען דורכ'ן קעלצער וויצע וואָיע-וואָדע, וועלכער האט גלייך ווי דיר. כראַבאָנשטשעוויטש אויך געגעבן א נעגאַטיווע תשובה בנוגע דער לויהן-הוספה און פערגרעסערן די צאהל אַר-בייטס טעג. ער האט אבער בעטאָנט, אז די עפענטליכע אַרבייטען וועלען געפיהרט ווערען ביז'ן סאַמע ווינטער, דערביי וועלען אפילו די דאזיגע אַר-בייטער, וועלכע האבען שוין אָדורכגע-אַרבייט די פאָרגעזעהענע 104 טעג, אויך נישט אָבגעזאגט ווערען, נור זיי וועלען זיין בעשעפטיגט ביז'ן פערענ-דיגען די עפענטליכע אַרבייטען.

17-יעהריג מיידעל בעגעהט זעלבסטמאָרד.

די 17-יעהריגע סטעניא מאַשטש ק האט מיט'ן ציעל צו בעגעהן זעלבסט-מאָרד אויסגעטרינקען א פלעשיל עסיג-עסענץ. אין א בעפרידיגענדען צושטאנד איז זי איבערגעפיהרט געווארען אין שטאָדטישען שפּיטאָל אריין. די סיבה — פאמיליען-סכסוכים.

פערזענליכעס.

ה' ישראל פּושעראָווסקי, א זוהן פון ה' עזריאל פּושעראָווסקי, האט אין באָלאָניע (איטאַליע) געענדיגט דעם מעדיצינישען פאַקולטעט און בעקומען דעם טיטול דאָקטאָר-מעדיצין.

צוויי זעלבסטמאָרדען.

— פרוי יוליאַנא קאָוואַלטשיק, בראָט-ניאַ 15, האט מיט'ן ציעל צו בעגעהן זעלבסטמאָרד אויסגעטרינקען עסיג-עסענץ. די זעלבסטמערדערין איז אין א שווערען צושטאנד איבערגעפיהרט גע-ווארען אין שטאָדטישען שפּיטאָל אריין. די סיבה — פאַמיליען כסכוכים.

— אונטער די רעדער פון פערזאנען-צוג, וואס איז געגאנגען אין דער ריכ-טונג קיין טשענסטאכאוו האט אויף דער סטאציע קאַמינסק זיך געוואָרפען אנ'-אַרבייטסלאָזער אין עלטער פון 45 יאהר. עס איז פארלויפיג נישט געלונ-גען פעסטצושטעלען דעם נאָמען פון זעלבסטמערדער. דער טויטער קערפּער איז איבערגעבליבען אויפ'ן אָרט פון פּאַרפאַל ביז'ן אָנקומען פון דער גע-ריכטליך-מעדיצינישער קאָמיסיע.

עגזיסטירט פון 1898 יאָהר.
אין דער גוט-בעקאַנטער
דרוקעריי פון
ב. באָטשאַן
אַלעע 6 1
טעלעפ. 22-01
ווערט אויסגעפיהרט שעהן און אַקוראַט אַלערהאַנד דרוק-אַרבייט,
— ווי: —
בריעף-בויגען
קאָפּערטען
פּאָסט-קאַרטען
חתונה-קאַרטען
בראָשורען
קוויטאַריושען
אַפישען
פלוג-צעטלען
קלעפּסידרעס
א. ד. גל. ביליגער ווי איבעראַל.
בעמערקונג: קלעפּסידרעס ווערען אויסגעפערטיגט און אויסגעקלעבט אין משך פון 1 שעה.

 Druk. B. Bocian, Aleja 6